№ 33 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז פאר אַ מילימעטער-שורה:
אויף ערשטער זייט 40 גראָשען — נאָכן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 30 גראָשען.
[illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענט-פרייז: אַ נומער 20 גראָשען.
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, d. 12 sierpnia 1932 | ליכט-צינדען [illegible].53 | פרייטאָג, פ׳ ואתחנן י׳ מנחם אב תרצ״ב.

טשענסטאכאווער אין ארץ = ישראל שפענדען פאר׳ן היגען יודישען הילפס=קאָמיטעט.

ה׳ גד׳ל פרייטאג פון תל-אביב האט אונז איבערגעגעבען 1 פונט שטערלינג (אין פוילישע געלד 31 זל.) וועלכע ער האט געזאמעלט אין תל-אביב פאר׳ן פערקויפען 10 אָבצייכנונגס-זשעטאָנען פון פאָלגענדע פערזאָנען:

גד׳ל פרייטאג, אבא קיווקאָוויטש, אשר ראָמאן, העניך מאַיאַרטשיק, אברהם וואָלהענדלער, משה זילבערשאַץ, יעקב קיווקאָוויטש, אהרן מאָס, ליב הערשליקאָוויטש און נח וואָלהענדלער.

יעדער האט געגעבען 10 פּיאסטער ס״ה 1 פונט שטערלינג, פאר וועלכען מיר האבען בעקומען פון ה׳ פרייטאג 31 זל.

דאס געלד געבען מיר איבער אין דער קהלה, וואו מיר וועלען בעקומען די געהעריגע קוויטונג פאר יעדען מנדב, וועלכע מיר וועלען איבערגעבען דעם הער פרייטאג פאר די מנדבים.

דאַנקזאַגונג.

א הארציגען דאנק דריקען מיר אויס אלע אנ- טייל-נעמער אין דעם אָבצייכנונגס-טאָג לטובת דער געז. „הכנסת כלה", וועלכע האט אריינגעבראכט די סומע פון 172 זל. מיט 33 גר.

גלייכצייטיג דאנקען מיר אויך די אלע, וועלכע האבען געשפענדעט אויף דעם צוועק.

די פערוואלטונג פון דער געז.

„הכנסת כלה".

צו דער עפענטליכקייט!

ווי אזוי מען ערלעדיגט א חוב קאן דיענען פאָלגענדער פאַקט:

איך בין געקומען צום ה׳ שפיעוואק, פילסודסקי 31 אז ער זאל אונז בעצאהלען דעם חוב פאר מילך 8 זל. מיט 40 גר. וואס קומט אונז שוין העכער 2 יאהר און אנשטאט אָבצודעקען דעם חוב האט ער מיך געשלאָגען און דאס גאנצע פנים צודראַפּעט.

איך שענק דעם חוב פאר׳ן יודישען שפיטאל נאָר דעם אָנפאל, וואס ער האט געמאכט אויף מיר גיב איך איבער צו דער עפענטליכקייט.

מיט אכטונג **ב. מאָשקאָוויטש.**

Szkoła tańców
K. KOSTECKIEGO
ul. Waszyngtona 6. daw. Jasna

מאכט בעקאנט די געעהרטע דאמען און העררן דאס דער

ערעפנונגס - סעזאָן קומט פאר **שבת, ד. 13-טען אויגוסט האלב 9 אָוועגד.**

פראקטישע לעקציע פאר די יודישע בעזוכער אין דעם פערגרעסערטען לאָקאל. די לעצטע מוזיק-שלאגערס.

איינשרייבונגען אויף א קורס אדער בעזונדערע לעקציעס קומען פאָר יעדען טאָג פון 10 פריה ביז 10 אָוועגד.

פראקטישע לעקציעס: שבת, זונטאג און יום - טובים.

זעהר צוגענגליכע פרייזען.

מעלדונג
פון יודישען אקאדעמישען קרייז אין טשענסטאכאוו

מארגען שבת, ד. 13 ד. ח. וועט 2 א זייגער נאכמיטאג אין 1-טען און האלב 3 אין 2-טען טערמין פארקומען

אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד

דער המשך פון דער אלגעם. סטאַטוט-פערזאמלונג.



דעם חשוב׳ן עסקן
ה׳ וו. גאָסטינסקי
צום טויט פון זיין **מוטער**
נ״ע **מייטא דבורה**
מיין טיפסטען מיטגעפיהל.
שמואל פראנק.

Żeńska Szkoła Dokształcająca Zawodowa dla Terminatorek

przy Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie,
WILSONA 18, (lokal publ. szkoły powsz. 12)

podaje do wiadomości, że na podstawie zezwolenia Izby Rzemieślniczej w Kielcach organizuje dla chcących zdawać na świadectwo czeladnicze

2-tygodniowy Kurs, który trwać będzie od 15-go do 30-go sierpnia r. b.

Zapisy przyjmuje kancelarja szkoły w godz. po poł. od 18-ej do 20-ej od 1-go sierpnia do 12 sierpnia r. b.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole

z prawami szkół państwowych

ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

została przeniesiona z ul. PIŁSUDSKIEGO 13, do NOWEGO LOKALU, odpow. wszelkim wymagań higieny

w II-ej ALEI № 20.

PRZY SZKOLE OGRÓDEK.

Egzaminy dla nowo-wstępujących od klasy A do 4-ej włącznie od dnia 28-go SIERPNIA r. b.

Po ukończen u szkoły uczn. przechodzą do 5-ej KLASY GIMNAZJALNEJ.

Przy szkole organizuje się komplety kursu 5 i 6 kl. GIMN.

DO PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od LAT 3-ch.

Specjalny komplet z FRANCUZKIM JĘZ. nauczania.

Kancelarja (ALEJA 20, II-ga brama, parter) czynna codziennie od 11-ej do 13-ej i od 15-ej do 18-ej

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט דאס ג׳ טשענסטאָכאָווער פובליקום דאס די קינפטיגע וואָך

ערעפען איך

אַ וואורשטען = געשעפט

אין דער 2-ער אַלעע № 16 (הויז ה׳ אימיך)

וועלכעס איז איינגעאָרדענט לויט׳ן לעצטען מאָדערנסטען סיסטעם מיט אַ קאָמפּאָרטפּול צימער פאר געסט ביי רעינלער און פונקטליכער בעדינונג.

איך עמפפעהל טאָג-טעגליך פרישע פּרימאַ-סחורה פון אייגענער אויסאַרבייטונג אין דער ספּעציעל איינגעאָרדענטער פאַבריק.

האָפענטליך וועט דאס ג׳ פובליקום מיין ערשטקלאַסיג געשעפט צאהלרייך בעזוכען און העכסט צופרידען בלייבען.

מיט אכטונג

א. הערצבערג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער געעהרטען מיטגליד פון ראַט

ה׳ **וו. גאָסטינסקי**

צום טויט פון זיין **מוטער** נ״ע **מייטא דבורה**

אין זיין ווייטערדיגע געזעלשאַפטליכע ארבייט זאל ער א טרייסט געפונען.

די פערוואלטונג און ראַט פון דער קאָאָפּעראַטיווער האנדווערקער-באַנק, אלעע 12.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד ה׳ **וו. גאָסטינסקי**

צוליעב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער **מוטער**

נ״ע **מייטא דבורה.**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ב. באָטשאן און פרוי.

GIMNAZJUM
Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich

z prawami szkół państwowych

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7, telef. 158

zawiadamia, że

egzaminy wstępne do klas wstępnych A. B. C., oraz do klas gimnazjalnych od I—VII rozpoczną się

w środę, d. 31 sierpnia r. b. o g. 9 rano.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja codziennie od godz. 11-ej rano do 1-ej po poł.

Przy zgłoszeniu należy przedłożyć metrykę urodzenia.

Ze względu na ogólną sytuację gospodarczą czesne obniżone zostało do 25%.

7-io kl. Prywatna Szkoła Powszechna
B. Weinberżanki

w CZĘSTOCHOWIE, I-sza ALEJA № 8

איז מודיע דעם געעהרטען פובליקום, אז די אויבענדערמאָנטע שולע נעמט אָן איינשרייבונגען אויף דעם נייעם שוהל - יאהר אין משך פון גאנצען חודש שיערפּיען ד. י. פון 9 פריה ביז 1 מיטאג טעגליך.

גלייכצייטיג מאכען מיר אויפמערקזאם, אז די פּאַרבערייטונגס-קורסען אין אלע קלאַסען הויבען זיך אָן אין דעם זעלבען חודש.

בעמערקונג: אויך ווערען שוין אָנגענומען שילער פון אנדערע שולען אויף פאָלגענדע למודים ווי:

חומש, רש״י, נך, משניות, גמרא, העברעאיש און יודישע געשיכטע.

צוליעב׳ן קריזיס איז דער שכר-לימוד א מינימאלער.

Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska 8

zawiadamia, że przyjmuje zapisy z dniem 15 maja do oddziałów ślusarsko-mech., stolarskiego i elektrotechn.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja w godz. od 9-[illegible]-ej do

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאמיליע מאנסדאָרף**

צום טויט פון זייער מאן און פאטער, אונזער מיטגליעד

נ״ע **אלתר מאנסדארף**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון

בעקער-און צוקערבעקער-צעך

אין טשענסטאכאוו.

נחמו...

אין דער צייט, ווען די יודישע לאַגע אין אַלע גלות - לענדער איז שווידערליך, ווייל דער אַלגעמיין - ווירטשאַפטליכער קריזיס האָט געטראָפען אממיינסטען די יודען אין אַלע לענדער, ווארום דער ווירטשאַפטליכער מצב פון די יודישע מאַסען איז זאָגאַר אין די גוטע צייטען נישט געווען קיין קלאָרע און זיכערע, צוליעב דעם וואס איבעראַל האָט מען זיי טראַקטירט אַלס פרעמדע, אפילו אין די לענדער, וואו יודען זענען לויט'ן געזעץ געווען גלייכבערעכטיגט.

אין דער צייט ווען דער שרעקליכער אַנטיסעמיטיזם, די שנאת עולם לעם עולם האָט זיך אונגעהויער פערשטאַרקט, די שונאי-ישראל פון אַלע פעלקער און לענדער האָבען זיך אויפגעכאַפּט און הויבען אָן בענייען די מיטעלאַלטערליכע בלבולים און רכילות אויף יודען, וועלענדיג אַזוי אַרום בענייען די גזירות און רדיפות אויפ'ן יודישען פאָלק.

אין דער צייט, ווען זאָגאַר אין הויך קולטורעלע לענדער, וואו יודען האָבען זיך געפיהלט אַלס גלייכבערעכטיגטע בירגער פון לאַנד, וואו זיי האָבען מיט זייער גאַנצער ענערגיע און אָפּפערוויליגקייט מיטגעהאָלפען צו דער קולטורעלער און ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג פון זייערע וואוין-לענדער, אויך דאָרט האָבען די אַנטיסעמיטען אויפגעהויבען די קעפּ, אַנגעהויבען די שרעקליכע יודענהעצע, וועלכע האָט ליידער אַ געוואַלדיגען ערפאָלג צווישען די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

עס איז גענוג אָנצווייזען אויף דייטשלאַנד, אויף דעם לאַנד, וואו די יודען האָבען די גרעסטע פערדינסטען אויף אַלע געביטען פון ווירטשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען, וואו די שרעקליכע היטלער-בעוועגונג האָט אין אַ קורצער צייט געשלאָגען אַזעלכע טיפע וואורצלען און איהר לאָזונג, וועלכע איז אויסראָטונג און פערניכטונג פון דער יודישער בעפעלקערונג, האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען דייטשע בירגער, וועלכע ווייסען אַז די יודען זענען נישט קיין קלענערע פּאַטריאָטען פון דייטשלאַנד ווי זיי אַליין, וועלכע געדענקען נאָך געוויס ווי אַזוי די יודישע מיליטער - לייט האָבען אין דער לעצטער וועלט-מלחמה געקעמפט אויף די צווישען שלאַכט - פעלדער, אַלע פון נידריגסטען ביז'ן העכסטען ראַנג, ווי די לייבען פאַר זייער „פאַטערלאַנד", און ווירקליך איז דאָרט נישט געווען קיין אונטערשיעד צווישען יוד און נישט - יוד. אַט אין דעם לאַנד בושעוועט די שרעקליכע היטלעריסטישע כוואַליע פון „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים". מען וואַרפט באָמבעס און גראַנאַטען אין די יודישע געשעפטען, מען שטעלט אַוועק טייוועל-מאַשינען אין די יודישע שוהלען, מען שענדעט די יודישע בית-עולמ'ס און מען שעהמט זיך נישט פאַר דער וועלט, ווייל די וועלט, די גאַנצע וועלט איז אין דער הינזיכט נישט בעסער.

עס טהוט וועה דאָס האַרץ, ווען מיר לעזען, למשל, אין דער פּרעסע, אַז אין ענגלאַנד, אין דעם ליבעראַלען ענגלאַנד, וועלכעס איז בעקאַנט אַלס ביבעל-פאָלק און איז נאָך עפּיס יעצט דער אַפּטרופּס פון יודישען פאָלק אין א"י. אַט אין דעם לאַנד וועלען די אַסעקוראַציע-געזעלשאַפטען נישט אַננעמען קיין פערזיכערונגען פון יודישען לעבען און פערמעגען, ווייל זיי האַלטען, אַז דאָס שטעהט אין געפאַהר, און די פערזיכערונג איז קרוב להפסד.

און אַזוי איז דאָס, ווי געזאָגט, אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו די שונאים האָבען געעפענט זייערע מיילער איינצושלינגען דאָס פאָלק ישראל, אַז עס זאָל, חלילה, פון איהם קיין זכר נישט בלייבען.

עס איז אמת, אַז דאָס יודישע פאָלק פאַלט נישט אַריין אין קיין יאוש, עס ווערט נישט פערצווייפעלט, ווייל דאָס איז אַ לומד בנסים, ווייל דאָס איז אין משך פון דעם לאַנגען גלות שוין אַזוי פיעל אַדורכגעגאַנגען, אַזוי פיעל מיטגעמאַכט און געליטען, אַז עס איז שוין געהאַרטעוועט געוואָרען און קיין שום זאַך שרעקט איהם מעהר נישט, ווייל אונזער מאַרטירער-געשיכטע איז גענוג רייך מיט אַזעלכע פאַלען, ווען מען האָט זיך געוואָרפען אויף דעם יודישען פאָלקס-קערפּער ווילענדיג איהם צורייסען אויף שטיקער, אין דער סוף איז געווען, אַז די אַנפאַלער זענען צוריסען און פערניכטעט געוואָרען און דאָס יודישע פאָלק, דער עם ישראל חי, לעבט און עקזיסטירט.

אָבער פאָרט, אין דער צייט ווען דאָס האַרץ ווערט איבערפולט „פון צרות און פיין און נישט ווילענדיג רייסט זיך אַרויס די פראַגע: הכלה אתה עושה לבית ישראל? אין דער דאָזיגער צייט מוזען פאַר אונזערע אויגען אויפלייכטען די הייליגע שטענדיג-עקזיסטירענדע ווערטער:

נחמו, נחמו עמי...

טרייסט זיך פאָלק ישראל, טרייסט זיך גלות-יוד, עס ווערט פאַר דיר אַ היים געבויט, דיין אור - אַלטע היים, דיין ארץ-אבות ווערט אויפגעבויט און אויפגעלעבט. דיינע זיהן מיט זייער בלוט און שוויס בויען פאַר דיר אַ נאַציאָנאַלע היים, דורך זייער ענערגיע און אַרבייט ווערט אַלץ אויפגעלעבט און אויפגעפרישט, עס ווערען געשאַפען וואונדער, פון וועלכע די גאַנצע וועלט שטוינט, די איינגעשרימפּטע מוטער איז פרוכטבאַר געוואָרען, דאָס פון הונדערטער יאָהרען פערוואָרלאָזטע לאַנד ווערט צוריק אַ ארץ זבת חלב ודבש, וועלכעס ווייסט נישט פון קיין קריזיס און אַרבייטסלאָזיגקייט, אַ וואַרימע היים און אַ צוקונפט ווערט געשאַפען פאַר דיר און די קינפטיגע דורות.

דאָס איז די איינציגע טרייסט...

נחמו, נחמו עמי...

י. פ.

ביי פערדייאונגס-שטערונגען, מאַגען-ווייטאַג, איבעלקייט, קאָפּ - שמערצען, נערוועז - צורייצונג, פערלייכטערט די בלוט-צירקולאַציע דאָס נאַטירליכע ביטערוואַסער Franciszka Józefa

וו. זשאַבאָטינסקי

פּאַריז.

ווילען און טהון.

יעדער יוד מוז אונטערשטיצען דעם תל-חי פאָנד, ווייל זיינע ציעלען זענען דיזעלבע ציעלען, וועגען וועלכע עס חלומ'ט יעצט יעדער יוד, ווער ער זאָל נישט זיין, צו וואָס פאַר אַ ריכטונג ער זאָל נישט געהערען.

דער ערשטער ציעל פון קרן תל-חי איז דאָס: אַז אין קיין שום לאַנד זאָל מען אונז נישט טאָרען שלאָגען; און אויב מען וועט עס ערגיץ וואו פּרובירען—טאָ זאָל מען תיכף ומיד, אין דער ערשטער האַלבער שעה, דערזעהן, אַז דאָס איז פּשוט אונמעגליך. דערצו מוזען מיר שאַפען אַזאַ מצב, ווען אַלע אָדער די מעהרסטע פון אונזער יוגענד זאָלען זיין אי גייסטיג, אי פיזיש. אי טעכניש צוגעגרייט צו בעשיצען די יודישע ישובים. אַט דערפאַר זאָרגט דער תל-חי פאָנד.

דער צווייטער ציעל זיינער איז צו בעוואָרענען די מעגליכקייט פון פרידליכען אונגעשטערטען פּראָגרעס פאַר אונזער נאַציאָנאַלער אַרבייט אין א"י. מיר האָבען שוין דריי מאָל געזעהן, אַז ד א ס קענען מיר נאָר אַליין בעזאָרגען, ווייל פערלאָזען זיך אויף יעמעס „שוץ" וואָלט זיין אומזיסט. אויב אומעטום אין גלות מוז מען זיין „גרייט", טאָ אין ארץ-ישראל איז דאָס דאָפּעלט, דרייפאַך, צעהן און הונדערט מאָל אַזוי וויכטיג, ווייל דאָרט איז יעדע יודישע קהלה אַ שמערצענסקינד פון אַלע קהלות ישראל, יעדעס הייזעל אַ שטיקעל דיין היים און מיין היים, יעדער שטיין אַ ראש פּנה פון פאָלקס-קדושה. דער גאַנצער ישוב איז דאָרט בבחינת אַ שטענדיגע שוץ - אַרמעע, אויף דעם וויכטיגסטען פּאָסטען פון אונזער גאַנצער געשיכטע זינט דעם חורבן. דערצו דאַרף דער ישוב ערשטענס, נישט שטעהן אָהנמעכטיג מיט פּוסטע הענט אין אַ שעה פון סכנה; און צווייטענס—דאַרף זיך אין שוץ בעטייליגען דער גאַנצער ישוב, אָהן אונטערשיעד פון „קלאַסען". אַט דערפאַר זאָרגט קרן תל-חי.

יעדער יוד וויל דאָס; דאָס דערמאָנט איהם נאָר, אַז „ווילען" הייסט „טהון". טהון אין גוטע צייטען און אין שלעכטע צייטען: שטענדיג טעגליך מיט יענעם קשי-עורף, וואָס איז אונזער גרעסטער שטאָלץ און דער סוד פון אונזער אייביגקייט.

שטיצט דעם „קרן-תל-חי"!

(20

די ענטלאָפענע.

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין 18-טען יאָהר-הונדערט.

פון י. איזאַקזאָהן.

(פאָרטזעצונג)

אַ מאָמענט זענען ביידע, חנה'לע און אַדאָלף, געשטאַנען און זיך איבערקוקט, ביידע זענען זיי געווען אין פערלעגענהייט און אַראָבגעלאָזט די אויגען נישט בעגריסענדיג זיך זאָגאַר איינער מיט'ן צווייטען, אָבער פאָרט איז דער ערשטער צו זיך געקומען אַדאָלף און ער האָט קוים אַרויסגעזאָגט:

גוט מאָרגען פריילין.

גוט יאָהר, ה' רייכמאַן—האָט חנה'לע געענטפערט און זי איז אינגאַנצען רויט געוואָרען.

אַדאָלף האָט בעמערקט איהר פערלעגענהייט, ער האָט געפיהלט, אַז אויך ער קען זיך נישט בעהערשען, אָבער פאָרט האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין פיהריגען בעשלוס, און ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַוועק פון איהר.

נאָך עטליכע מינוט שטילשווייגען, ווען אַדאָלף האָט שוין געוואָלט זיך מיט איהר שיידען האָט חנה'לע געפרעגט:

איהר זענט נישט אויף דער מעסע, ה' רייכמאַן?

איך געה ערשט יעצט אַריין.

ערשט יעצט? זענט איהר ביז-יעצט געווען ביי אונז?

די דאָזיגע פראַגע האָט איהם, רייכמאַנ'ען, עטוואָס צוטומעלט, ווידער האָט ער זיך דערמאָנט וועגען זיין בעזוך אין דער ישיבה און וועגען זיין געשפרעך מיט חנה'לעס חתן און ער האָט געזאָגט:

איך בין ביז-יעצט געוועזען פערנומען און יעצט אייל איך זיך טאַקי צו דער מעסע בעפאַר זי ווערט געשלאָסען.

אָה, איהר איילט אייך ה' רייכמאַן—האָט חנה'לע געזאָגט אונצופרידען—נו, צום ווידערזעהן.

צום ווידערזעהן פריילין—האָט רייכמאַן געענטפערט—נישט געבענדיג איהר די האַנד און ווי געזאָגט פון איננערליכער קראַפט איז ער פּשוט ענטלאָפען פון דעם אָרט.

חנה'לע האָט זיך געפיהלט ווי בעליידיגט פון רייכמאַנ'ען, ער האָט מיט איהר אַזוי קאַלט און טריקען גערעדט, וואָס ווייזט אויס אַז זי אינטערעסירט איהם גאָרנישט, הייסט דאָס אַז זי האָט אַ טעות געהאַט, ווען זי האָט געמיינט אַז זיינע בליקען אויף איהר זענען וואַרימע, ער איז אַ סוחר, אַזוי ווי איהר פאָטער און ווי אַלע סוחרים, טראָץ דעם וואָס ער געהט אַזוי עלעגאַנט געקליידעט, און מאַכט דעם איינדרוק פון אַנ'אינטעליגענטען מענש.

און באַלד איז געקומען אַ צווייטער געדאַנק:

עס איז זעהר גוט אַזוי—האָט זי געטראַכט—פיעל בעסער, ווארום וואָס אייגענטליך וואָלט אַרויסגעקומען פון דעם ווען ער זאָל מיר אַרויסווייזען זיינע סימפּאַטיעס, איך בין אַ כלה און האָב אַ חתן, מיין פאָטער איז זעהר אַ שטרענגער מענש, רייכמאַן הייסט ביי איהם אַ אַפּיקורס, און ער וועט ביי קיין פאַל נישט איינשטימען אַז אַזאַ יונגערמאַן זאָל זיין דער מאַן פון זיין טאָכטער, וואָלט דאָס אונז נאָר פערשאַפט צרות און קרענקונג.

אַזוי האָט חנה'לע זיך אויסערליך בערוהיגט, עס האָט געהייסען אַז זי איז זעהר צופרידען פון דעם וואָס רייכמאַן ווייזט איהר נישט אַרויס קיין שום צערטליכקייטען און זי עקזיסטירט פאַר איהם אינגאַנצען נישט, אָבער טיעף אין האַרצען האָט זי פערדראָסען פאַרוואָס דער דאָזיגער אַזוי שעהנער און אינטעליגענטער יונגערמאַן איז צו איהר אַזוי גלייכגילטיג.

פּלוצים האָט אַ נייער געדאַנק אויפגעבליצט אין איהר מוח:

ער מוז שוין האָבען אַ כלה.

יאָ, אַזוי איז דאָס גאַנץ געוויס, ער האָט אַ כלה וועלכע ער האָט ליעב, און קיין פרעמד מיידעל קען איהם מעהר נישט פּאַראינטערעסירען.

אַזוי האָט חנה'לע געטראַכט און דאָס האָט זי פולשטענדיג בערוהיגט.

אַוועקגעהענדיג פון חנה'לען האָט אַדאָלף זיך געפיהלט אַזוי ווי ער וואָלט מיט וועמען געקעמפט און דעם קאַמף געוווינען.

איך האָב דאָס גוט געמאַכט—האָט ער געטראַכט—איך האָב בעשלאָסען מיט דער דאָזיגער שעהנהייט זיך נישט אַריינצולאָזען אין קיין שום קענטשאַפט, און אַזוי מוז דאָס בלייבען.

אָבער וואָס וועל איך טהון אין אָווענד? זי וועט געוויס זיין אַנוועזענד ביים אָווענד עסען, און כ'ווייס נישט אויב איך וועל זיך קענען בעהערשען אויף איהר נישט צו קוקען.

טראַכטענדיג איז ער אָנגעקומען צו דער מעסע, וואו עס האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסיל, באַלד האָבען איהם אַרומגערינגעלט סוחרים און מעקלערס, וועלכע האָבען איהם געקענט אַלס אַ וואַרשאַווער רייכען סוחר און האָבען איהם פאָרגעשלאָגען פערשידענע געשעפטען, אַדאָלף האָט מיט יעדען גערעדט, אונטערהאַנדעלט, בעטראַכט די איהם פאָרגעטראַגענע מוסטערן. און אַזוי האָט ער כמעט ווי אינגאַנצען פערגעסען די געשעהענישען פון היינטיגען טאָג, זיין בעזוך אין דער ישיבה, זיין בעגעגענען זיך מיט חנה'לען און ער האָט זיך פערנומען עטליכע שעה מיט דער מעסע און איהרע נייעס אויפטהוען, וויסענדיג אַז בלויז נאָך עטליכע געצעהלטע טעג ווי די מעסע וועט זיין טעטיג.

אינצווישען האָט ער זיך געטראָפען מיט יעקב משה'ן, וועלכער האָט זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט און געפרעגט וואו ער איז געווען דעם גאַנצען טאָג, און ווידער האָט רייכמאַן געמוזט אויסזוכען פאַר איהם עפּיס אַ תירוץ, אָבער מיט דער פראַגע איז איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק די שעהנע חנה'לע און ווידער האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטילער אינערליכער קאַמף, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך טיעף פערטראַכט.

נאָך אַ לענגערע צייט טראַכטען האָט ער אָנגענומען אַ בעשלוס:

איך מוז זיך נאָך היינט אַרויסציהען פון יעקב משה'ן, איך וועל זיך בעזעצען אין האָטעל, עס וועט זיי פאַרקומען אונפערשטענדליך, זיי וועלען זיך אפשר געפוגען בעליידיגט, ווייל איך האָב נישט פאַר זיי קיין תירוץ פאַרוואָס איך פערלאָז זייער הויז אין די לעצטע עטליכע טעג פאַר מיין אָבפאָהרען, אָבער איך האָב נישט קיין עצה, אַזוי מוז דאָס זיין.

און טרעפענדיג נאָכדעם ווידער יעקב משה'ן אויף דער מעסע, ווען ס'איז שוין געווען רוהיגער איידער מען געהט פערמאַכען, האָט יעקב צו איהם געזאָגט:

נו, ה' רייכמאַן, איך מיין אַז מיר מעגען שוין געהן אַהיים, מיר וועלען היינט קיין געשעפטען שוין נישט מאַכען

אַדאָלף האָט אויפ'ן אָרט געפּאַסט מוטה און געזאָגט:

איך האָב אייך פערגעסען צו זאָגען ר' יעקב משה, אַז איך טראָג זיך איבער פון אייער הויז.

וואָס הייסט?

איך האָב היינט דאָ געטראָפען מיינעם אַ פריינד, אַ יונגערמאַן פון וואַרשאַ, וועלכער לאָזשירט אין האָטעל און איך האָב איהם פערשפּראָכען אַז איך וועל מיט איהם צוזאַמען זיין אין האָטעל.

יעקב משה האָט אַזוי שנעל נישט געוואָלט איינשטימען, עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז אַדאָלף האָט ביי איהם גע'פועל'ט, אָבער ענדליך האָט ער איינגעשטימט און געזאָגט:

נו, אויב איהר האָט אייך דורכאויס איינגעשפּאַרט האָב איך נישט קיין עצה, אָבער היינט געהט איהר דאָך נאָך מיט מיר צום אָווענד-ברויט.

געוויס, געוויס—האָט רייכמאַן געענטפערט—איך מוז דאָך מיינע זאַכען פון אייך אַריבערטראָגען און זיך מיט אייער פאַמיליע אָבשידען.

באַלד האָט זיך די מעסע פערמאַכט, און ביידע, יעקב משה און אַדאָלף, זענען געגאַנגען אהיים צו יעקב משה'ן אין דער וואוינונג.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין עס-צימער איז שוין דער טיש געווען געגרייט, און שפרה, יעקב משה'ס פרוי איז געזעסען און געוואַרט אויף זיי.

דו ווייסט שפרה'לע—האָט יעקב משה אַריינקומענדיג געזאָגט—דער ה' רייכמאַן עסט שוין יעצט ביי אונז דאָס לעצטע מאָל ווייל ער ציהט זיך אַרויס פון אונז אין האָטעל אַריין.

שפרה איז ערשטווינט געוואָרען — אָבער דאַביי איז זי פּשוט אויפגעשפּרינגען פאַר שמחה, וואָס עס האָט יעקב משה'ן זעהר געוואונדערט.

(פאָרטז. קומט).

ב. וויינבערג.

דאָס יודישע שול-וועזען אַמאָל און היינט.

ה.

איצט, נאָכ'ן איבערגעבען, אין אַלגעמיינע שטריכען, אַ היסטאָרישען איבערבליק איבער די ענטוויקלונג פונ'ם יודישען שול-וועזען אין משך פון די לעצטע צוויי יאָהר-הונדערט, וועלען מיר צוטרעטען צום עצם ענין, נעמליך: אַרומרעדען מעהר-וועניגער דעם מצב פון דער יודישער שול אין דער געגענוואָרט.

מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, אין דער תקופה פון חבת-ציון, בעת עס איז געוואָרפען געוואָרען אין דער יודישער גאַס די לאָזונג: „צוריק צום מזרח, צום וויגעל פון יודישען פאָלק“, איז איינצייטיג אויך פאָרגעקומען אַנ'איבערווערטונג, אַ שנוי-ערכין, פון אַלע ווערטען: מען האָט דאָס יודענטום, דעם גייסטיגען און מאַטעריעלען מצב פון די יודען אין דער וועלט, אָנגעהויבען גרונדליך צו פאָרשען, פונאַנדער צו גלידערען אַלע יודישע נאַציאָנאַלע קנינים — מיט איין וואָרט: ס'האָט דאָמינירט אין דער יודישער וויסענשאַפטס-וועלט דער געדאַנק: נישט איבערצושעצען און נישט אונטערצושעצען. נאָר אָביעקטיוו אָבצושאַצען די כחות פון יודענטום — און געפונען אַנ'אויסוועג פאַר'ן יודישען פאָלק.

אין משך פון אַ גאַנצען יאָהר הונדערט האָט דער יודישער אינטעליגענט געבלאָנקעט, ווי אַ נאַקעטע נשמה, צווישען צוויי וועלטען: פון איין זייט האָט איהם געלאָקט דער גלאַנץ פון דער מערב-אייראָפּעאישער קולטור, די אונצעהליגע קולטור-דערגרייכונגען פון אייראָפּא האָבען איהם פאַרכישופט; און פון דער אַנדערער זייט — האָט אין זיין האַרצען געגנאַגט אַ תהום'דיגע בענקעניש נאָכ'ן אַמאַליגען פּאַטריאַכאַלען לעבען פונ'ם געטאָ-יודענטום, דאָס אַלטע בית-המדרש און די גמרא-ניגונים האָבען איהם בעצויבערט — און ער האָט קיין אויסוועג נישט געפונען...

ווילענדיג-נישט-ווילענדיג דערוועקט זיך אין אונזער האַרצען די אָנגעוועהטאָגטע פראַגע: צו איז אין דעם נישט שולדיג די יודישע כאַאָטישע, סיסטעמלאָזע ערציהונג? די אַמאַליגע יודישע שול מיט איהר פּראָגראַמלאָזיגקייט און ד' וועניג אויסגעשולטע יודישע פּעדאַגאָגישע כחות?

ווי געזאָגט, האָט אין דער תקופה פון „חבת-ציון“ אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אין די מוחות און הערצער פון די גרעסטע יודישע גייסטער דער געדאַנק, אַז מען דאַרף פאַרוועלטליכען דאָס יודישע און פאַריודישען דאָס וועלטליכע. אַלס פועל-יוצא דערפון איז געשאַפען געוואָרען אַ נייער טיפּ חדרים, אונטער'ן נאָמען: „חדר-מתוקן“. אין די דאָזיגע חדרים האָט געהערשט די טענדענץ צו אייראָפּעאיזירען דעם לעהר-פּראָגראַם, צו סיסטעמאַטיזירען די למודים לויט'ן אייראָפּעאישען שטייגער. אין דער שול האָט מען איינגעפיהרט אַלע מאָדערנע היגיענישע איינריכטונגען, מען האָט די למודי-היהדות, ווי: תנ"ך, דקדוק, משניות, גמרא, יודישע געשיכטע סיסטעמאַטיש געלערנט; ס'איז פיעל אויפמערקזאַמקייט אויך געשאָנקען געוואָרען די וועלטליכע ידיעות. פונדעסטוועגען אָבער האָבען די דאָזיגע „חדרים-מתוקנים“ לאַנג קיין קיום נישט געהאַט, צוליב פאַרשידענע אינערליכע סבות.

אין די לעצטע פאַר-און נאָך-מלחמה-יאָהרען זענען געשאַפען געוואָרען פאַרשידענע יודישע גימנאַזיעס און פאָלקס-שולען. אַ פשיטא, אַז איך נעם דאָ נישט אין חשבון אַריין די אַזוי-גערופענע יודישיסטישע שולען, וועלכע פון ריין - יודישען רעליגיעז - נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט דאַרפען זיי פולשטענדיג נישט בעהאַנדעלט ווערען.

אין די יודישע גימנאַזיעס און פאָלקס-שולען — אַנ'אויסנאַהם בילדען די פאַרשידענע תרבות-שולען מיט דער העבּרעאישער אונטעריכטס-שפּראַך — ווערט אין דער אמת'ן, פיעל געלערנט תנ"ך אין די העבּרעאישע שפּראַך. פונדעסטוועגען אָבער זעהען מיר אין דער פּראַקטיק, אַז דער רוב שילער, ענדיגענדיג די דאָזיגע שולען, זענען וועניג צוגעבונדען צו די קולטור אוצרות פון יודישען פאָלק

די סבה איז אַ גאַנץ פשוטע: דאָס יהדות לערנט מען נישט אין אָריגינאַל, נאָר מתוך כלי-שני. דער שילער ערווערבט זיך אַ געוויסען אוצר העבּרעאישע אויסדרוקען און רעדענס-אַרטען פון די כריסטאָמאַטיעס; אַ שטיקעל משניות אַ בלאַט גמרא, שלחן-ערוך וכדומה — מאן דכר שמם. דער שילער ווייסט עפּעס וועגען תלמוד, משניות, רש"י — אָבער די דאָזיגע עצם למודים קען ער לגמרי נישט.

א. ד. גאָרדאָן האָט געפּלעגט זאָגען: ער קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלען אַנ'אמת'ן נאַציאָנאַלען יוד, וועלכער זאָל אַמאָל נישט האָבען געלערנט אַ שטיקעל גמרא, אָדער האָט נישט וועניגסטענס אַ בעגריף וועגען איהר...

* * *

די יודישע פאָלקס-שול נויטיגט זיך אונבעדינגט אין גרויסע רעפאָרמען. קודם-כל דאַרף זעהר פיעל אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען ווערען די למודי-היהדות. דער יודישער שילער דאַרף צו שעפּען זיינע גייסטיגע ידיעות נור פון די ערשטע מקורות. איך בין דאָ נישט אויסען צו נעגירען פולשטענדיג די אַזוי-גערופענע „העבּרעאישע כרעסטאָמאַטיעס“, נור איך וויל דאָ בעגרינדען די מיינונג, אַז ווער עס קען נישט די אַלטע העבּרעאישע ליטעראַטור אין אָריגינאַל, דער קען קיין העבּרעאיש נישט קענען.

והראיה: די גרעסטע העבּרעאישע דענקער און דיכטער זענען אַרויסגעקומען נור פון די אַמאַליגע חובשי-בית-המדרש.

די אויפגאַבע פון דער יודישער שול איז: צו ערציהען אַ געזונטען יודישען דור, הן גייסטיג הן פיזיש, וועלכער דאַרף פאָרטזעצען די אַלטע יודישע טראַדיציע — צו זיין אַ שטאָלצער הונדערט-פּראָצענטיגער יוד.

זאַקאָפּאַנע.

נאָטיצען.

ד.

קראַקאָווער.

צווישען די טויזענדער געסט, וואָס קומען נאָך זאַקאָפּאַנע, פאַרנעמען אַ בעדייטענד אָרט די קראַקאָווער, וועלכע טיילען זיך כמעט אין צוויי גרופּען: איינע אַ בעל-בית'ישע, ד. ה. מ'איז שטאַרק „רעליגיעז“ און מ'עסט אין היטעל אין פּענסיאָנאַט, און פאַרנאַכט פאַרברענגט מען אויף אַ „פייף“... און אַ צווייטע, וואָס זוכט בכל הכחות אַ נישט-כשר'ע קיך. ביי די לעצטע איז פשוט דאָס עסען אין נישט-כשר'ן פּענסיאָנאַט אַ מצות - עשה, אַנ'ענין, וועלכען מ'מוז מקיים זיין אַרויספּאָהרענדיג פון קראַקאָ.

נור אין איין הינזיכט גלייכען זיך אַלע קראַקאָווער אויס: אין גאוה, שטייפקייט און נישט בעזיצען די געזעלשאַפטליכע עלאַסטישקייט פון די יודען אין קאָנגרעס-פּוילען.

בעזונדער ווייזט זיך די דאָזיגע שטייפקייט אַרויס ביי דער יוגענד. אַזאַ נישט-בעגרייפבאַרע פּוסטע גאוה, אַזאַ מין אויסטערלישע איינרעדעניש, בעמערקט זיך נישט ביי דער יוגענד פון קאָנגרעס-פּוילען אָדער מזרח-גאַליציע.

גאָר מאָדנע און משוגע'דיג איז פאַר אונז זייער בעציהונג צו יודיש און יודישער ליטעראַטור. אַ קראַקאָווער פרייליין קוקט ווי אויף בייזע וואונדער, זעהענדיג אַ יודישען בריעף. אַפילו די נאַציאָנאַלע יוגענד פאַרשטעהט נישט ווי אַזוי מ'קען בענוצען אין גאַס אָדער אין קאַפע-הויז אַ לשון, מיט וועלכען ס'בענוצען זיך די יודענעס פון קאַזשימיעזש.

אַ געבילדעטע יונגע פרוי פון קראַקע דערצעהלט מיר, אַז אַ רייה נאַציאָנאַל-דענקענדע מענשען — און זי בתוכם — זענען אַמאָל געזעסען אין קראַקע אין אַ קאַפע - הויז. אינמיטען איז צו זיי אַריינגעקומען אַ וואַרשאַווער אַדוואָקאַט און אָנגעהויבען רעדען יודיש. די געזעלשאַפט איז פשוט רויט געוואָרען פאַר חרפּה. ווי קען דאָס געמאָלט זיין, אַז אין אַנ'אָרט, וואו ס'קומען זיך צונויף די קראַקאָווער אינטעליגענץ, זאָל מען רעדען בקול יודיש. און יעדער איינער פון דער חברותא האָט געגעבען צו פאַרשטעהן דעם וואַרשאַווער אַדוואָקאַט אויף אַנ'אַנדערן אופן, אַז ער זאָל נישט רעדען קיין יודיש, אָדער עכ"פ שטיל...

אַזוי זעהט ליידער אויס די בעציהונג פון דער קראַקאָווער יוגענד צו יודיש.

אין אַ שמועס מיט אַנ'אַדוואָקאַט פון מזרח - גאַליציען וועגען דעם דערמאָנטען ענין האָט ער מיר געזאָגט:

— איך האָב זיי וואו. איך אַרבייט נישט אין שבת, איך רעד יודיש און לערן שבת אַ שטיקעל מדרש צוזאַמען מיט מיין פרוי (אגב: דעם זעלבען אַדוואָקאַט'ס פרוי איז ווירקליך אַ טיפּ, אַ יקר המציאות: אַ פרוי, וועלכע קען בעל-פה כמעט גאַנץ תנ"ך).

אַזאַ געוואַלדיגער קאָנטראַסט צווישען יודען, וואָס האָבען געלעבט אונטער דער זעלבער הערשאַפט און גענאָסען פון דער זעלבער פרייהייט!

ה.

דריי קאַטעגאָריעס.

די זאַקאָפּאַנער קור - געסט קען מען כמעט טיילען אין דריי קאַטעגאָריעס: די ערשטע, וועלכע קומט צוליעב טוריסטישע טעמים. מ'זעהט טאַקי הונדערטער יונגעלייט (עפ"י רוב קריסטען), וואָס לאָזען זיך אַרויס אין די בערג אויף גאַנצע וואָכען. און געזונטע, אָבגעבערענטע און פול הומאָר קומען זיי צוריק פון די וואָכעדיגע אויספלוגען; די צווייטע, וועלכע פאַרברענגט דער עיקר אין די קאַוויאַרניעס. מען זעהט יונגעלייט, וואָס פאַרנעמען זיך אַ גאַנצען טאָג מיט טאַנצען, אַזוי, אַז זיי האָבען פשוט נישט קיין צייט וועגען צו עסען. זיי געהען מחיל אל חיל: פון קאַרפּאָוויטש'ן (אַ בעקאַנטע רעסטאָראַציע אין זאַקאָפּאַנע) צו טרזשאַסקי'ן און פון טרזשאַסקי'ן אין „מאָרסקע אָקאָ“. און זיי זענען אַ גאַנצען טאָג פאַרטהון אין מצות טאַנצען. און די דריטע, וועלכע מ'טרעפט מעהר אין ווינטער. דאָס זענען די, וועלכע מ'זעהט נישט אויף די בערג און צוקערניעס, נור ליגען אין די גערטנער און בעמיהען זיך צו זיין לוסטיג, כדי די אַרומיגע זאָלען נישט דערקענען, אַז אַנ'אונהיילבאַרע קרענק טאָטשעט זייערע קערפּערס, אַז פּאַמעליך, פּאַמעליך דערנעהנטערן זיי זיך צום טויט. בעקאַנטע ווייזען מיר צופעליג אויף אַ מיידעל, וואָס זינגט און לאַכט, וועלכער מען האָט פאַראיאָהרען געמאַכט אַנ'אָפּעראַציע אויף די לונגען. זי זעהט אויס פריש און געזונד און קיינעם פאַלט נישט איין, אַז זי אָטעמט נאָר מיט איין לונג און פאַרברענגט דאָס רוב יאָהר אין זאַקאָפּאַנע. זי זינגט אויך מיט די מאָדערנע טאַנגאָ'ס, סימולירענדיג הייטערקייט און לעבענס-פרייד.

צעהנדליגער און הונדערטער אַזאַלכע קראַנקע ליגען אין זאַקאָפּאַנע אויף די לעזשאַקעס און זעהען די דאָרטיגע שעהנקייט נאָר פון דערווייטענס. די סאַנאַטאָריעס פון זאַקאָפּאַנע זענען בעהאַלטען אויסער דער שטאָדט און דאָס הוסטען פון די קראַנקע שטערט לגמרי נישט דאָס שפּילען פון די דזשאַז-אָרקעסטערס, וועלכע מ'הערט אין דער הויפּט-גאַס אויף יעדע עטליכע טריט.

הונדערטער ברענענדיגע אויגען קוקען זיך צו צו דער שקיעת-החמה פון זאַקאָפּאַנע, בעת די זון, בעהאַלטענדיג זיך אונטער די מערב-בערג וואַרפט ליכט, אַזוי ווי פון רעפלעקטאָרען, אויף די אַקעגענאיבערדיגע בערג און זייערע ליפּען שעפּטשען מיט מורא: „צי וועלען מיר זוכה זיין דאָס נאָכאַמאָל צו זעהן?“ זיי ווייסען, אַז צוקומען צו די דאָזיגע הויכקייטען איז פאַר זיי אונמעגליך, ווילען זיי כאָטש ליגען דאָ, נאָר ווייטער אָטעמען, ווייטער לעבען...

פ. בלומענקראַנץ.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

ווי האָבען אויפגעלעבט...

נאָך אַ קנאַפּ יאָהר, וואָס ה' פישעל האָט נישט פאַרנומען דעם אַמט פון אויבער-קאַנטאָר אין דער סינאַגאָגע איז ער ענדליך צוריק אַנגאַזשירט געוואָרען.

געוועהנליך זענען פאַרהאַנען פיעל מענשען אין שטאָדט, וואָס זענען צופרידען פון דעם בעשלוס פון דער סינאַגאָגע פאַרוואַלטונג ווייל זי האָט פאַריכט אַ פעהלער, וואָס זי האָט געוואָלט בעגעהן.

באַלד נאָכדעם ווי ה' פישעל האָט געוואָהר געוואָרען וועגען דעם בעשלוס האָט ער זיך צוריק גענומען צו דער אַרבייט און ער איז שוין געווען אויפ'ן בית-עולם, וואו ער האָט ערפילט זיין פונקציע אַלס קאַנטאָר ביי עטליכע לוויות.

שמועסט מען, אַז נישט בלויז די לעבעדיגע זענען צופרידען פון דעם וואָס ה' פישעל איז געוואָרען צוריק אַנגאַזשירט אַלס אויבער-קאַנטאָר, נאָר אַז אַפילו די מתים, וועלכע האָבען אַ לענגערע צייט נישט געהערט דעם ה' פישעל האָבען ביים ערשטען מאָל ווען ער האָט אָבגעריכט די געהעריגע תפילות אויפ'ן בית-עלמין און דערהערט זיין שטימע האָבען אויך אויפגעלעבט...

מיר זענען אין גלות.

איהר וועט פרעגען, וואָס פאַר אַ נייעס בין איך דאָ מחדש, ווער ווייסט דען נישט, אַז מיר יודען זענען אין גלות און אויב מיר זאָלען אין דעם וועלען פאַרגעסען דערמאָנט מען עס אונז אויף שריט און טריט. והראיה: היטלער, קוזא, די היימישע גרינבּענדעלדיגע, און ווער נישט. נאָר אויב איך האָב דאָ פאַרשריבען דעם דאָזיגען טיטול, ווייל איך בעצייכענען אַ געוויסען פאַקט, וואָס לאָזט איבער אַ ביי-געשמאַק.

די אַנטיסעמיטען פון אַלע צייטען האָבען אונז יודען שטענדיג פאַרגעוואָרפען, אַז מיר זענען נישט קיין פּראָדוקטיוו פאָלק. מיר קאָנען נאָר האַנדלען. אַ שאַכער-מאַכער פאָלק און מיר זענען נאָר בעשאַפען געוואָרען אָבצונאַרען די נישט-יודען, כאָטש זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי זענען שולדיג, וואָס מיר בעאַרבייטען נישט די ערד, ווייל זיי האָבען אונז צו דעם נישט צוגעלאָזט. אַנ'אויסרייד אָבער איז עס געווען.

זענען אָבער געקומען אַנדערע צייטען. אין ארץ-ישראל, וואו יודען פאַרנעמען זיך יאָ מיט ערד, האָבען זיי וואונדער בעוויזען. איז דאָך משמע, אַז יודען זענען יאָ אַ פעהיג פאָלק. פונדעסטוועגען איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט אָבגעשוואַכט געוואָרען, נאָר מען זוכט אויס אַנדערע מאָטיוון. פאַרוואָס? ווייל מיר זענען אין גלות.

יודען, דאָס זענען פחדנים. אויף זיי ליגט די קללה פון דער תוכחה. קול עלה נדף. מען שרעקט זיך פאַר'ן מינדעסטען שייגיצ'ל. האָבען אונזערע יונגע-לייט בעוויזען, אַז אויך זיי קאָנען האָבען געזונטע מוסקולען — ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס האָבען זיי געשאַפען און ווידער האָט זיך בעוויזען, אַז יודען דאָס שוואַכע, דאָס עם הספר, קאָן אויך זיין פיזיש שטאַרק און בעווייזען גבורה.

און דאָך זענען מיר ווייטער אין גלות.

עס קומט פאַר אַ מעטש צווישען דעם יודישען טורן-און ספּאָרט-פאַראיין מיט דער „וויקטאָריא“. אונזערע יונגע-לייט און פּויליינס שטעהען נישט אָב פון זייעריגע, זיי קענען די מלאכה. מיר בלייבען נישט פאַרשעמט. און פונדעסטוועגען ווערען מיר נישט פאַררעכענט אַלס גלייכע מיט גלייכע. די צושויער, אַפילו ווען זיי זענען מיליטער לייט, ווער שמועסט די ציווילע קוקען אויף אונז ווי אויף נידריגערע בריאים. זיי שעמען זיך נישט צו בעליידיגען מיט חוזק אונזער שפּילער און אַ פשיטא. שוין, די יודישע צושויער און אָפּטמאָל אַזוי פאַר היימליך וועגען מכבד זיין מיט אַ קלאַפּ.

קוקט מען זיך צו צו אַזאַ מעטש, פאַרדריסט עס אַזוי שטאַרק, די נשמה ווערט צעוועהטאָגט און מיט פאַרביסענע ליפּען פרעגט זיך די פראַגע, פאַרוואָס? פאַרוואָס ווערען מיר אַזוי בעהאַנדעלט? און דער ענטפער איז: מיר זענען אין גלות!

פאַרוואָס אייגענטליך?

די יודישע מאָלער-אַרבייטער בעקלאָגען זיך, אַז זיי זענען אַרבייטסלאָז. נו נו, זאָג איך צו זיי, ווער איז דאָס היינט נישט אַרבייטסלאָז, און באַלד וויל איך זיי געבען אַ סטאַטיסטיק, וויפיעל אַרבייטסלאָזע ס'זענען פאַרהאַנען אין אַמעריקאַ, דייטשלאַנד, ביי אונז און אין דער גאַנצער וועלט.

מיר ווייסען דערפון — ענטפערן זיי מיר — די צרה איז אָבער, וואָס אַרבייטסלאָז זענען נאָר מיר יודישע מאָלער-אַרבייטער, אָבער נישט די קריסטליכע. זיי האָבען אַרבייט און זאָגאַר די יודישע מאָלער-מייסטער בעשעפטיגען נאָר נישט יודישע אַרבייטער.

איך האָב ווי געוועהנליך פאַרטיידיגט די יודישע מאָלער-מייסטער, אַז דאָס קען גאָר נישט זיין „געמאָלט“, אדרבה איך קען די יודישע מאָלער-מייסטער און ווייס, אַז זיי זענען גאַנץ וואוילע מענשען און זיי טהוט וועה אויב יודישע אַרבייטער דרעהען זיך אַרום ליידיג, איבערהויפּט, אַז די יודען ווילען אַרבייטען פאַר די זעלבע פּרייזען. זיי האָבען אָבער געהאַלטען אין איין טענה'ן אַז נישט, אַז מען וויל זיי נישט בעשעפטיגען און פּטור.

שרייב איך אויף די דאָזיגע ווערטער און בין איבערצייגט, אַז די יודישע מאָלער-מייסטער וועלען בעשטימט אויפקלערען דעם ענין און נישט לאָזען אויף זיי וואַרפען אַזאַ בעשולדיגונג, אין וועלכען איך בין איבערצייגט, אַז עס איז נישט ריכטיג, וואָרים דער שכל אליין איז דאָך מחייב, אַז כי ימוך אחיך עמך והחזקת בו. איבערהויפּט אין דער איצטיגער שווערער צייט, דאַרף מען בעשעפטיגען יעדענפאַלס אין אַ גלייכער מאָס דעם יודישען אַרבייטער אַזוי גוט ווי נישט דעם יודען, וואָרים ווי אַזוי קען אַנדערש זיין?

איך וועל טאַקי אין צווייטען נומער איבערגעבען די מיינונג פון די בעלי-בתים.

אַ טראָפּען פרייד.

אין דעם גאַנצען ים פון צרות, האָב איך כאָטש אויף אַ קליינע ווײַלע געהאַט איינאיינציגען טראָפּען פרייד.

דאָס איז געווען אויף דער קאָלאָניע פון „טאַז“, וואו עס איז פאָרגעקומען דער סיום פון די האַלב-און גאַנץ-קאָלאָניע פון ערשטען סעזאָן.

אין גאָרטען פון דער האַלב-קאָלאָניע האָבען זיך פאַריגען פרייטאָג צונויפגעזאַמעלט אַלע קינדער, צווישען זיי אויך די קינדער פון דער קאָלאָניע אין אָסטראָוו און מען האָט געמאַכט אַ פייערונג.

אין זייער אַלטאַנע, האָבען די קינדער זיך אָנגעטהון אין די ספּעציעל יום-טוב מלבושים און האָבען געזונגען זעהר שעהנע ליעדלעך, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעלערנט אין משך פון די 4 וואָכען.

אויף דער קאָלאָניע איז

גלייכבערעכטיגונג פון די שפּראַכען

מען האָט געזונגען יודישע ווי אויך פּוילישע ליעדלעך. אויך די לעבעדיגע צייטונג איז געשריבען געוואָרען דורך יודישע זשורנאַליסטען אויף יודיש און די פּוילישע אַרטיקלען אויך דורך יודען...

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די צייטונג האָט בעהאַנדעלט בלויז פראַגען ריין ליטעראַרישע אָדער כראָניק. עס איז נישט געווען קיין איין אַרטיקעל, וואָס זאָל העצען און אָנפאַלען אויף עמיצען אַזוי, אַז עס איז געווען די מיינונג, אַז די קינדער האָבען געשאַפען אַנ'אַלט מאָדערנע צייטונג ווי פאַרצייטענס, וואָס האָט נישט דעם שוואונג פון דער נייער מאָדערנער צייט, וואו אַ צייטונג דאַרף נאָר זידלען און העצען.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען בעשריבען די רובּריק פון קרימינאַל-כראָניק, ווי אַזוי די „פאַרברעכער“ זענען פאַר'משפּט געוואָרען און ווי אַזוי דער אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען. אָט געפונען מיר, למשל, דעם זאַץ: „דער פאַרמשפּט'ער האָט דעם אורטייל אויפגענומען רוהיג“. דאַן איז אויך פאַרצייכענט געוואָרען גנבות און די שרפה, וואָס איז פאָרגעקומען אין משך פון דער צייט.

די קינדער פאַרענדיגען דעם יום-

ווארים-בעדער אין אלטען א"י.

פון משה רייד.

שוין אין די גאר אלטע צייטען זענען בעקאנט געווען די הייל-כחות פון די נאטירליכע ווארימע קוואלען, וועלכע געפונען זיך אין די פערשידענע דורך קאסמישע קאטאקליזמען געשאפענע בערג - שפאלטען און אין ארץ-ישראל האבען עקזיסטירט אין דער גאר אלטער צייט לוקסוסארטיג, לויט די דאמאלסדיגע בעגריפען איינגעריכטעטע ווארים-בעדער. אין די אלטע היסטארישע שריפטען געפונען מיר די ערשטע ידיעה איבער א ווארים - באד (הייל-באד) אין ארץ-ישראל, נעמליך אין עבר-הירדן אין דער צייט פון די לעצטע חשמונאים - קעניגען (פלאוויוס יודישע מלחמות 6.7) ווי אויך פון א צווייטען באד אין דער צייט פון הורדוס (דארט 5,33,1).

דאס וויכטיגסטע ווארים - באד איז געווען אין דער שטאדט גדר אדער גדיד. אין גריכישע קוועלען: גדאדא. דאס איז א גאר-אלטע פעסטונג, וועלכע האט געשפילט א גאר גרויסע ראלע אין דער אלגעמיינער יודישער געשיכטע.

א משנה אין מסכת ערכין דערצעהלט, אז גדר איז בעקאנט געווען אלס פעסטונג נאך אין דער צייט פון יהושע בן נון (מוקפת חומה מימות יהושע בן נון), נאך היינט געפונען זיך דארט רואינען פון די אלטע בעדלעך.

א מעשה'לע אין קהלת רבה בעווייזט אונז, אז די פרעקווענץ פון חמי גדרה האט דערגרייכט מאנכעס מאל, אין דער סעזאן - צייט א גאר הויכע צאהל. עס ווערט דארט נעמליך דערצעהלט וועגען דעם וויכוח פון אנ'אפיקורס מיט רבי מאיר וועגען תחית המתים. דער אפיקורס פרעגט: ווי מען וועט נעהמען לעבענס-מיטעל פאר די אלע מתים, וועלכע וועלען אויפשטעהן און דערויף ענטפערט ר' מאיר רעכט יודישליך מיט א געגען-פראגע—האסטו שוין אמאל געוויילט אין בעדלעך פון גדור אין דער צייט פון הויפט - סעזאן (בענתא).

יא—ענטפערט דער אפיקורס.

טא—פרעגט ווידער רבי מאיר—ווי נעהמען די בעלי-בתים פון גדור גענוג שפייז פאר די אלע מאסען, וואס קומען זיך דארט צוזאמען?

אלזא מאסען פון קור-געסט, פאר וועלכע ס'איז נישט לייכט געווען צו פערשאפען די נויטיגע לעבענס-מיטלען.

דא זענען אויך פארגעקומען די קאנפערענצען פון די חכמי ישראל מיט אנגעזעהענע רוימישע אדעל-לייט און אדעל-פרויען (מטרונות) וועלכע האבען געהאט סימפאטיעס פאר דער יודישער רעליגיע און האבען געהאלפען מבטל מאכען א גזרה אויף יודען.

א זעהר וויכטיגער קור-ארט איז געווען קאלראהי, וועלכער ליגט נישט ווייט פונ'ם מזרח-ברעג פונ'ם ים-המלח, אין די גריכישע קוועלען ווערט דאס ארט גערופען: קאלירהאע. אין די הייל-בעדער האט מען איבערגעפיהרט דעם שווער-קראנקען מלך הורדוס, וואו ער האט זיך אויך געבאדען אין וואנעס מיט אייל (פלאוויוס יודישע מלחמות 5.33.1) די הייסע קוואלען 63 פראצ. צעלזיוס — ווערען אויך היינט בענוצט פון די אראבער. רואינען פון [א] באד מיט א וואסער-קאנאל זאגען עדות פון דער אמאליגער גרויסקייט פון דעם דאזיגען קור-ארט. וועגען דעם דאזיגען קור-ארט שרייבט אויך פליניוס. אין שכנות פון דער שטאדט מכור אדער מאכוואר געפונען זיך די הייסע קוואלען, וועלכע זענען בעקאנט געווען אונטער דעם נאמען באראס. פלאוויוס דערצעהלט נסים און נפלאות פון די געוויקסען און וואסערען, וועלכע ליגען ארום די קוואלען, עס זאל דארט וואקסען א געוויסער ווארצעל, וועלכער גיט פון זיך ארויס א רויטע ליכטיגקייט און ווער עס רייסט איהם אויס מוז תיכף שטארבען, דער ווארצעל איז אבער א סגולה צו פערטרייבען דבוקים און צוליעב דעם גיט מען זיך פאלגענדע עצה: מען גראבט אביסעל ארום דעם ווארצעל און מען בינדט צוזאמען דעם פוס פון א הונד מיט דעם ווארצעל, טרייבענדיג דעם הונד, רייסט ער מיט זיך אויס דעם ווארצעל. זעלבסטפערשטענדליך פגר'ט דער הונד באלד אוועק.

אויסער דעם האבען עקזיסטירט נאך עטליכע קלענערע קור-ערטער איבער וועלכע ס'איז ווייניג בעקאנט, נעמליך פחל אדער פעלא נישט ווייט פון בית גוברין (העל אטראפאליס) אין דרום פון ארץ-ישראל.

די אלע אנגערופענע וויכטיגע ווארים-בעדער געפונען זיך אין עבר-הירדן (טראנסיארדאניען) צו מערב פונ'ם ירדן ליגט די חמי טבריה, דאס איינציגע ווארים - באד אין דער גאנצער וועלט, וועלכעס איז כמעט אונאונטערבראכען אין בעטריעב אנ'ערך צוויי טויזענד יאהר, די הייל-וואסערען פון טבריה האבען א טעמפעראטור פון 63 גראד און מען קורירט מיט זיי רעוומאטיזם, אישיאס או"וו.

נישט נאר קראנקע האבען אויפגעזוכט די ווארים-בעדער כדי צו געפונען א רפואה פאר זייער קראנקען ארגאניזם, נאר אויך לעדיג-געהער, צוליעב פערגעניגען, פערשידענע יודישע און אויך נישט-יודישע קוועלען דערצעהלען פון אויסגעלאסענקייט, איבערגעטריבענע לוסטיגקייט, פלירטעווען מיט יונגע פרויען און אנדערע תענוגים, מיט וועלכע די קור-געסט האבען זיך אבגעגעבען און צוליעב דעם זענען די יודישע חכמים נישט געווען צופרירען פון די בעזוכען אין די ווארים-בעדער. טראץ דעם האבען זיי פול אנערקענט איהר הייל-קראפט און האבען אפילו דערלויבט זיך צו באדען שבת אין די בעדלעך (שבת דף ק"ט רוחצים במי גדר חמתן, ובחמי טברה).

עס ווערט דערצעהלט, אז ר' אלעזר בן ערך, גרויסער תלמיד פון ר' יוחנן בן זכאי, האט פערבראכט אין די בעדלעך און האט דארט פערגעסען זיין גאנץ ביסעל תורה אפילו די עברי אין דער ספר תורה (שבת קמ"ז).

די חכמים האבען פערלוירען דעם פולען צוטרוי צו די איינוואוינער און האבען זיך נישט גערן משדך געווען מיט זיי. עס איז אמאל פארגעקומען א פאל, אז א תלמיד פונ'ם גרויסען ר' יוחנן פון טבריה, ר' זעירא האט נישט געוואלט נעהמען די טאכטער פון זיין רבי'ן. ר' יוחנן האט זיך גע'כעס'ט און געפרעגט: אורייתין כשרה ובנתיין לא כשרה? (אונזער תורה איז כשר און אונזערע טעכטער זענען נישט כשר), ער האט נעמליך ארויסגעפיהלט, אז ר' זעירא איז פון א מיוחס'דיגער משפחה פון בבל, האט נישט קיין חשק צו בעפלעקען זיין יחוס מיט א טאכטער פון אנ'איינוואוינער פון א ווארים באד, דער פאטער פון ר' חמא בר חנינא האט אויך פערבאטען זיין זוהן צו נעהמען א טאכטער פון חמת גדר.

איבער דער אבשטאמונג פון די הייסע קוואלען זאגען ארויס די אלטע יודישע קוועלען זעהר וואונדערליכע מיינונגען, אינ'ם אלטען ספר חנוך ווערט געזאגט, אז טיעף אונטער דער ערד ווערען געמאכט אין פליסיגע מעטאלען די נפילים (פונ'ם הימעל אראב געפאלענע מלאכים, וועלכע האבען געזינדיגט מיט מענשען-טעכטער), און פון דארט דריקען זיך דורך די קאכעדיגע וואסערען ביז צו דער ערד-אויבערפלאך, מיטרייסענדיג מיט זיך טיילען פון מעטאלען און שוועבעל, די מלכים און שרים, וועלכע באדען זיך אין די וואסערען, כדי צו היילען דעם גוף דארפען געדענקען, אז זיי זאלען דאביי נישט פערברענען זייער נשמה און פאלען אין גהינום. אנ'עהנליכע מיינונג געפונען מיר אין תלמוד, שבת דף ל"ט, וועגען חמי טבריה: דחלפי אפתח דגהינום, דאס הייסט אז די הויכע טעמפעראטור פון די חמי טבריה קומט דערפון, וואס זיי ציהען פערביי די טויערען פונ'ם גהינום. ס'איז פערהאן א סברא, אז מיט די ווערטער האבען די גרויסע יודישע מאראליסטען צום אויסדרוק געבראכט זייער קריטישע מיינונג איבער דעם אויסגעלאסענעם לעבען, וועלכע ברענגען דעם מענשען אינ'ם גיהנום.

עס שטעלט זיך ארויס, אז ווארים-בעדער איז נישט קיין ערפינדונג פון דער נייער צייט און אפילו דאס לוסטיגע לעבען דארט מיט פלירטעווען וכדומה, איז נישט קיין נייעס, אונזערע עלטער-עלטער זיידעס צוריק מיט טויזענדער יאהר האבען דאסזעלבע געקענט. די לעבע-מענער פונ'ם היינטיגען דור האבען נישט מיט וואס שטאלץ צו זיין.

טוב מיט טענץ און אנדערע פערוויילונגען. אויך האט געפלאטערט א ווייס-בלויער פאהן מיט א „מגן דוד", וואס די קינדער האבען אליין געמאכט. דאן האבען זיי בעקומען עסען און זיי האבען זיך געזעגענט מיט די לעהרערינס.

דאס בילד איז געווען זעהר הערליך און גלייכצייטיג פיינליך, אהן חניפה (אזוי ווי די גרויסע טהון עס ביי אזא פאל), נאר מיט זיין קינדערשע נאאיוויטעט און עהרליכקייט האבען זיי זיך געזעגענט, אין די אויגעלעך האט געפינקעלט טרעהרען, זיי איז דאך אזוי גוט געווען אויף דער קאלאניע, זיי האבען זיך געשפילט און געווען זאט, זיי איז אין משך פון א גאנצען חודש נישט אויסנעקומען צו הערען כאטש איינמאל פון זייערע עלטערן קיין קרעכצען, אז עס איז נישטא קיין ברויט און יעצט געהן זיי צוריק אהיים, ווידער אין גלות, אויס פרייד, אויס פרייהייט.

אין דעם געזעגענען זיך איז געלעגען א שטיק טראגעדיע, וואס האט בולט געוויזען די נויט פון אונזערע ארימע יודישע קינדער.

אבער דאך איז געווען אין דעם גאנצען ים פון צער, כאטש איין טראפען פרייד.

לויתן

ל. בערנאטאוויזנער.

צוגעזעצט א נאמען.

(ערצעהלונג).

געהייסען האט זי פערל נאך דער באבע'ן פון דער מוטער'ס צד, נאר דער פאטער, דער ציוניסט, האט זי גערופען פנינה, וואס בעדייט „פערל" אויף העברעאיש. און די מוטער האט זי גערופען נינא, נינקא, נינעטשקא, ס'הייסט פנינה, נאר אהן א „פ" אין אנפאנג.

פנינה פלעגט קלינגען אביסעל מיט א"י, מיט תנ"ך האט עס דער מוטער נישט געפאלען, איהר האט מעהר אימפאנירט „נינא".

מיט'ן מאן איז זי איבערהויפט נישט געווען מיט אלעמען. אלס טאכטער פון חסידישע עלטערן האט זי מיט איהם חתונה געהאט נישט אויס ליעבע, ווייל ער איז געווען א מענש פון תכלית און דערצו פון אנ'אנגעזעהענער פאמיליע און געשטאמט פון א יחוס.

אוצט האט זי דאס קינד נישט געוואלט רופען פנינה, נאר נינא, נינאטשקא.

מיט דער צייט איז דערפון געווארען ניוטא, אניוטא; דאס לעצטע האט איהר שטארק געפאלען; אניוטא — ז'אס שמעקט אביסעל מיט האליוואוד, אביסעל פילם-סטאריש...

ווען דער מאן האט צום ערשטען מאל דערהערט דעם נייעם נאמען האט ער זיך צובייזערט אויפ'ן ווייב:

— וואס נאך ווערסטו אויפקלערען, א ניי צונעמעניש ווידער. . וואס, ביזט נישט אנדערש געוואוינט פון דערהיים אויס...

זי פלעגט דאן, ווי געטראפען מיט די ווערטער, שווייגען, אראבלאזען דעם קאפ.

זעהר זעלטען פלעגט זי זיך דערמאנען אין דעם חסידישען הויז פון איהרע עלטערן.

טאטע-מאמע זענען געווען פרומע מענשען, געשטאמט פון רבי'שע משפחות. דער פאטער האט גע'שמ'ט פון זיין חסידות און פרומקייט. די קינדער האבען זיי ערצויגען אין רעליגיעזען גייסט. און מיט אלע האט עס זיך זיי איינגעגעבען, נאר נישט מיט דער יונגסטער טאכטער.

די זיהן האבען גענומען חסידישנגידישע טעכטער אלס ווייבער און די טעכטער האבען גענומען חסידישע זיהן און „געגעבען קעסט".

נאר די יונגסטע טאכטער איז נישט אריינגעראטען אין אלע. זי האט זיך געפיהלט ענג אין דעם משפחה-קרייזעל, זי האט געזוכט פריינד מחוץ פון פאטער'ס הויז, נישט געזעסען ווי אלע אין שטוב, געלעזען צייטונגען, אינטערעסירט זיך מיט'ן ברייטען לעבען.

מ'האט מיט איהר געוואלט א שידוך טהון, אבער זי האט נישט געוואלט הער'ען פון דעם.

זי האט געהאט פיעל פריינד און פריינדינס, געהאלטען פון א טעאטער, א קינא, פערוויילונג. מ'פלעגט אינדערהיים אנווענדען אלע מיטלען, כדי איהר צו פערוועהרען, פערצוימען איהר דעם פרייען וועג, נאר אלץ אהן ערפאלג. וואס מעהר מ'פלעגט זי פערפאלגען, אלץ עפטער האט זי די שטוב פערלאזט, זי פלעגט זיך מאכען א ברוגז און פערשוואונדען פון דערהיים, אויסבעהאלטען זיך ביי א פריינדין אזוי לאנג, ביז מ'האט זי איבערבעטען...

אמאל איז איהר מוטער קראנק געווארען און דאן האט זי זיך אביסעל בערוהיגט, איינגעהאלטענער געווארען און שפעטער האט זי זיך געגנצליך בעהערשט, זי האט געזעהן, אז זי איז אין דער מוטערס קראנקהייט א סך שולדיג.

די מוטער האט זי צום טויטען בעט צוגערופען, זי איבערבעטען, פערצייהט איהר אלע זינד, מוחל געווען אלץ...

דערנאך, ווען ס'האט זיך נעטראפען דער שידוך האט, מען נישט לאנג געקלערט.

דאס ערשטע קינד האט זי א נאמען געגעבען נאך איהר מוטער, פערל.

דער מאן איז געווען צו גאנצע טעג פערנומען, געווען א געשעפטס - מענש און אויסער דעם אנ'עסקן אין שטאדט, א ציוניסט און קיין סך צייט האט ער זיין ווייב נישט אוועקגעשענקט.

די פרוי פלעגט דאן בלייבען אין שטוב מיט'ן קינד. דאמאלס פלעגט זי אויסטראכטען פאר'ן קינד משונה'דיגע נעמען, פון וואס דער מאן האט גרויס עגמת נפש געהאט און פיעל מאל זיך מיט'ן ווייב איבערווערטעלט, זאגאר אויפ'ן שארפסטען אופן.

איינמאל, ווען ס'האט איהם נאך א פארלעזונג וועגען דער ערציהונג פון דער יוגענד, א חבר אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין טעכטעריל, נינא, און געמוסר'ט, אז ער ברויך אליין צו געבען א ביישפיעל פון א געהעריגער ערציהונג אויף זיין אייגען קינד, האט ער זיך אין דער היים מיט'ן ווייב שטארק צוקריגט.

— עס וועט נישט הייסען „נינא".

— וועט עס „פנינה" אויך נישט הייסען.

— איז נישט!

— איז נישט!

ס'איז געבליבען אהן א נאמען. דאס „קינד" פלעגט מען עס רופען. „ס'קינד" וועט עפיס עסען. „ס'קינד" וועט געהן שלאפען, ס'קינד וועט געהן שפאצירען, ס'קינד וועט געהן מיט דער מאמעשי אין קינא...

ביז ס'האט זיך געמאכט אמאל, דאס קינד איז קראנק געווארען, ערנסט קראנק, אויף א קאמפליצירטער קראנקהייט. עס איז געלעגען אין בעט און ס'האט זיך געגליהט פון היץ, געפלאמט ווי פייער.

טאטע-מאמע זענען פון בעט נישט אראב טאג און נאכט. ס'האט אויסגעזעהן, ווי דאס קראנקע בעט האט זיי צוזאמענגעהאפטען, ווי זיי וואלטען וועגען אלעם פערגעסען.

— „ס'קינד" איז קראנק.

— מ'מוז געהן גאך א דאקטאר פאר'ן קינד.

די דאקטוירים האבען אבער ווענינוואס געהאלפען.

איינמאל האט זי זיך צום מאן אבגערופען;

— אפשר געהסטו איינרייסען קברים, זיי זאלען זיך מיהען פאר דעם קינד... און זיך צוויינט.

זיי האבען איינגעריסען קברים.

דערנאך זענען זיי צו א רבי'ן געגאנגען אויסוויינען ס'הארץ.

דער רבי האט זיי געבענשט, געהייסען געבען ליכט און תהלים זאגען, אויך האט ער דער קראנקער געהייסען צוזעצען א נאמען: חיה.

נאך עטליכע טעג האט די היץ אבגעלאזט, אנגעהויבען פאלען, ביז זי איז פערשוואונדען, נאר אין בעט האט מען זי נאך אלץ געהאלטען.

דאמאלס האט דער פאטער בעניצט זיין ארבייט, צוריק טעטיג געווארען.

ווען ער איז איינמאל אהיים געקומען פון גאס איז זיין ווייב איהם אקעגענגעלאפען מיט א פרעהליכער בשורה:

חיונ'לע איז שוין אויפגעשטאנען פון בעט!!!

זיי האבען זיך ביידע הערצליך צוקושט...

ווען זאל איך פארט ליכט-צינדען?

(א מאנאלאג אזא).

איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז זינט דער לעצטער צייט, ס'הייסט זינט עטליכע חדשים צוריק בין איך שוין באלד פערנארט געווארען, און כ'ווייס שוין גארנישט וואו כ'בין אין דער וועלט.

איך בין זיך א כשר'ע פרומע יודענע, וואס היט אב די „דריי זאכען". זינט כ'בין געקומען צום שכל. נו מילא, ליכט-צינדען פרייטאג איז געוויס ביי מיר א הויפט-זאך צו דער מינוט, צו דער רגע, לויט'ן לוח הקדוש, אז איך זאל חלילה נישט פערשפעטיגען און קומען צו חילול-שבת? און אזוי האב איך זיך געפיהרט יאהר איין יאהר אויס.

שפעטער איז אנגעקומען א צייטונג אין אונזער שטאדט, וועלכע האט יעדען פרייטאג געשריבען פונקטליך ווען ס'איז דער ריכטיגער זמן פון ליכט-צינדען און ס'איז פשוט געווען א פערגעניגען, געוואוסט, אז דאס איז עס און פטור.

די לעצטע צייט אבער האבען זיך אין אונזער שטאדט מתרבה געווען די צייטונגען, כ'ווייס שוין אליין נישט וויפיעל זיי זענען, און אט איז געקומען א צומישונג, אז מען ווייסט שוין לגמרי נישט ווען מען דארף ליכט צו צינדען.

אט למשל, פערגאנגענעם פרייטאג, האב איך געוואלט ליכט-צינדען לויט'ן זמן, וואס איז אנגעוויזען אין דער צייטונג, וואס איך לייען. און ווען כ'האב שוין געהאט אנגעריבען די זאפאלקע זעה איך דורכ'ן פענסטער ווי מיין שכנ'טע, אויך א פרומע יודענע, געהט ערשט אין גאס אריין, ווארף איך אוועק די זאפאלקע און שריי צו איהר דורכ'ן פענסטער: היתכן? אזוי שפעט אין גאס אריין? ס'איז דאך שוין זמן פון ליכט-צינדען. קוקט זי מיך אן ווי משוגע מיין שכנ'טע און זאגט: עס איז נאך צייט, אפשר א האלבע שעה. ווערט דאך צווישען אונז א טענה, א ויכוח, ווייזט זיך ארויס, אז אזוי ווי איהר מאן איז א ציוניסט, האלט זי די ציוניסטישע צייטונג און דארט איז אנגעוויזען גאר אנ'אנדערער זמן פון ליכט-צינדען.

אזוי ווי מיר טענה'ן קומט צו א דריטע שכנ'טע מיט א בלעטיל אין דער האנד און זאגט:

איהר ווייסט ביידע נישט ווען מען דארף ליכט - צינדען. אט האב איך א צייטונג וואס איז ריכטיג און עס ווייזט זיך ארויס, אז דארט איז אנגעגעבען גאר אנ'אנדערע צייט מיט 25 מינוט פריהער און זי האט טאקי דאריבער שוין לאנג ליכט געצינדען.

אזוי איז דאס מיינע פריינד, א צומישונג איז געקומען אויף אונז, מיין מאן זאל לעבען זאגט שטענדיג אז די צייטונגען האבען געבראכט דאס גאנצע אומגליק אויף דער וועלט, ער איז בכלל א שונא פון אלע צייטונגען אויסער זיעם הייליגען „יוד". און איך האב קיינמאל נישט געקענט פערשטעהן פארוואס ער איז אזוי שטארק פערביטערט אויף די צייטונגען און זאגט אז זיי ברענגען צו צרות און אומגליקען. איצט פערשטעה איך, עס איז פשוט, מען ווייסט נישט ווען צו צינדען ליכט און וואס קען דערפון ארויסקומען.

אפשר קענט איהר מיר פארט זאגען ווען איך זאל ליכט-צינדען.

איבערגעגעבען צום דרוק דורך

ליפא

יוסף קלארמאן

הפקר...

הפקר. כ'האב דעם איינדרוק, אז דאס איז א ספעציפיש יודישער אויסדרוק, וועלכען איהר וועט נישט געפונען ביי קיין שום אומה ולשון. פרובט אויף טשיקאוועס דאס דאזיגע ווארט איבערזעצען אויף א אנדערער שפראך—עס געהט נישט!

דאס לעבען פון א פאלק שאפט ווערטער, און ווערטער זענען אנ'אויסדרוק פון לעבען. ווי זאגט דארטען ביאליק:

הא צוארי! קום שחט! דו קאנסט מארדען, מאכען א פאגראם — ס'איז דאך הפקר!

ווען נאך ווי היינט זענען מיר אומשטאנד צו בעגרייפען די טראגישע זייט פון הפקר-אויסדרוק, ווען אין אייראפע פערשטארקט זיך די כוואליע פון אנטיסעמיטיזם און גאט ווייסט וואס עס הענגט אין דער לופט...

זענען מיר דאך מיט היינט 3 יאהר צוריק געוועזען עדים פון טרויריגע געשעהענישען פון וועלכע מען וואלט דאך געדארפט ציהען די געהעריגע קאנסעקווענצען. אוראי זענען דאס געוועזען גאנץ אנדערע געשעהענישען ווי אין יענע צייטען פון קישענעוו. די אב-געשעהענישען, האלט איך, האבען אריינגעשריבען א גאלדען-בלעטעל אין דער יודישער געשיכטע, זיי האבען בעוויזען דער וועלט, אז מיר זענען ווייט נישט דאס, וואס מ'האט אונז צוגעשריבען — א פאלק פון פחדנים. ווען אין די צייטען פון קישענעוו האט ביאליק, דער משורר-הזעם, געשאלטען די יודישע יוגענד, וועלכע האט זיך אויסבעהאלטען און זיך נישט פערטיידיגט נישט געקענט געפונען קיין ענטפער אויף זיין „למה ועל מה זה מתם", האבען דאך יענע אב-געשעהענישען שוין יא געגעבען אנ'ענטפער און א ווירדיגען:

— מיר זענען געפאלען מיט א העלדען-טויט, פערטיידענדיג אונזערע ברידער און שוועסטער און אין קאמף פאר א שענערען און בעסערען מארגען פאר'ן יודישען פאלק אין דער צוקונפטיגער יודישער מלוכה.

יא, עס זענען זעהר שעהן גבורים און קדושים. במה דברים אמורים: בדיעבד, ווען ס'איז געשעהן, אדער לכתחילה פארצובערייטען, אדער גיבען מעגליכקייט דערצו — דאס איז שוין גאנץ ווייט פון דעם, וואס מען רופט אן פעראנטווארטליכקייט. מיר געהן דאך נישט קיין א"י צו פאלען ווי קדושים, מיר געהן קיין א"י בכלל נישט צו פאלען.

מיר מוזען דעריבער זיין פארבערייט, כדי אין דער צוקונפט דאס אויסצומיידען. עס מוז געזארגט ווערען פאר דער זיכערקייט און פאר'ן שוץ פון יודישען לעבען הן אין ארץ-ישראל, הן אין די גלות-לענדער. עס דארף ערמעגליכט ווערען צו געבען די יודישע יוגענד די געהעריגע אויסבילדונג דערצו.

מיט איין ווארט: מען דארף אויסמעקען פון יודישען און העבעראישען ווערטער-בוך דאס ווארט „הפקר". ניין, יודיש בלוט, יודיש פערמעגען האט אויפגעהערט צו זיין הפקר און דער ענטפער דערויף איז —

„קרן תל-חי".

הזכרה נאך א איבערגעבענעם ציוניסטישען עסקן און כלל-טהוער.

נעכטען ט' באב איז געווארען 6 יאהר זינט עס איז געשטארבען אין קריניצא און געבראכט געווארען צו קבורה אין אונזער שטאדט דער בעוואוסטער היגער ציוניסטישער עסקן און אלזייטיגער כלל - טהוער ר' נתן גצריכטער ז"ל.

דער נפטר איז געווען איינער פון די פאפולערסטע און אנגעזעהענסטע כלל-טהוער אין אונזער שטאדט, גרינדער פון אייניגע פילאנטראפישע געזעלשאפטען, ווי „לינת הצדק", פריהער „ביקור חולים", אויך די חברה „הכנסת אורחים", ביי וועלכער ער איז געשטאנען אין דער שפיץ ביז'ן לעצטען טאג. אויסער דעם איז ער געווען אנ'אקטיווער מיטגליעד אין אלע ארטיגע וואוילטעטיגע געזעלשאפטען, פאר וועלכע ער האט פיעל געלייסטעט.

אבער זיין הויפט-טעטיגקייט וועלכע האט פערנומען זיין גאנץ וועזען איז געווען דער ציוניזם און ארץ - ישראל. ער איז געווען פון די ערשטע חובבי ציון אין אונזער שטאדט, גרינדער און שעפער פון דער ארטיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון וועלכער ער איז געווען דער פיהרער און אקטיווסטער טהוער.

דעם ציוניזם איז ער, ווי געזאגט, געווען איבערגעבען בלב ונפש, מיט זיין גאנץ הארץ און נשמה נאך אין דער צייט פון דער רוסישער אקופאציע, ווען דער ציוניזם איז געווען געשטערט, האט ער געארבייט ממש מיט מסירות נפש. און נישט קוקענדיג אויף די רדיפות פון דער אקופאציע-מאכט האט ער פארטגעזעצט זיין הייליגע ארבייט און אויף קיין מינוט נישט אבגעשטעלט זיין טעטיגקייט.

דער מענש האט ביי אלעמען ארויסגערופען די גרעסטע שטוינונג מיט זיין ערנסטקייט און איבערגעבענקייט און מיט דעם גרויסען אחריות וואס ער האט אויף זיך גענומען צו די אויף זיך גענומענע פליכטען. טראץ דעם וואס ער האט געפיהרט גרעסערע געשעפטען און ער איז געווען אנגאזשירט אין פיעל געזעלשאפטליכער ארבייט, האט ער קיין איין זיצונג נישט אדורכגעלאזט און קיין שום שטערונג האט איהם נישט צוריקגעהאלטען פון ערפולען זיינע געזעלשאפטליכע פליכטען.

די „טשענסטאכאווער צייטונג" איז געווען זיין טריבונע, וואו ער האט פון צייט צו צייט אבגעדרוקט זיינע ארטיקלען און אויפרופען אין וועלכע ער פלעגט זיך ווענדען און אפעלירען צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג וועגען געוויסע געזעלשאפטליכע און ציוניסטישע ענינים.

ווי געזאגט איז ר' נתן ז"ל געווען דער עמוד-התוך פון דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציע, א אקטיווער טהוער פון קרן-היסוד און קרן-קימת פון וועלכען ער איז געווען מורשה ביז'ן לעצטען טאג.

נאך זיין פטירה האט די היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע בעשלאסען אלס אייביגען אנדענקען פון זיין טעטיגקייט אויפצוהענגען זיין בילד אין לאקאל פון דער ארגאניזאציע. דער דאזיגער בעשלוס איז אבער צוליעב אונז אונבעוואוסטע סיבות אויסגעפיהרט געווארען ערשט נעכטען אין זיין 6-טען יאהרצייט-טאג.

נעכטען אוונד איז ביי דער אנוועזענהייט פון א גרויסע צאהל מיטגליעדער פון אלע היגע ציוניסטישע גרופירונגען און פערעהרער פונ'ם נפטר פארגעקומען אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פייערליכע הזכרה לכבוד דעם נפטר, און א גאנצע רייהע רעדנער האבען גערעדט וועגען זיין לעבען און שאפען, וועגען זיין אינטענסיווער און פרוכטבארער טעטיגקייט, און וועגען זיין אונענדליכער איבערגעבענהייט צום ווידער אויפבוי פון אונזער ארץ-אבות.

דאביי איז אויך פארגעקומען די פייערליכע ענטהילונג פון זיין בילד, וועלכעס האט געמאכט אויף אלע אנוועזענדע א אונגעהויערען רושם.

ניין, אונזער איצטיגער דור גיט מעהר נישט ארויס אזעלכע מענשען, עס וואקסען מעהר נישט אזעלכע אלזייטיגע איבערגעבענע און ערנסטע עסקנים, ווי עס איז געווען דער נפטר.

עהרע זיין אנדענק!

א דערפרעהענדע ערשיינונג.

די טשענסטאכאווער אין ארץ-ישראל שפענדען פאר'ן היגען יודישען הילפס - קאמיטעט.

זינט עטליכע טעג ווייל ביי אונז אין שטאדט אונזער בן עיר ה' גד'ל פרייטאג, וועלכער איז מיט 5 יאהר צוריק געפאהרען קיין א"י און וואוינט אין תל-אביב, וואו ער האט געגרינדעט פאר עטליכע יאהר א גרויסע טיי-פירמא א. נ. „קראת" (קאראט), וועלכע פערשפרייט איהר גוטען און ארמאטפולען טהע אין אלע אייראפעאישע לענדער.

וועגען דער טעטיגקייט און אונטערנעהמונגס-גייסט פון ה' פרייטאג אויף דעם געביט האט די יודישע פרעסע פיעל געשריבען אין דער צייט פון דער תערוכה (אויסשטעלונג) אין תל-אביב, ווען ה' פ. האט מיט זיין ארץ-ישראל'דיגען טהע פערנומען א חשוב'ן פלאץ. איצט מאכט ער א רייזע איבער אייראפא צו פערשפרייטען די טהע פון זיין פירמא און איבעראל האט ער דעם נויטיגען ערפאלג.

קומענדיג קיין פוילען איז ה' פרייטאג געקומען אויף א בעזוך קיין טשענסטאכאוו, זיין געבורטס-שטאדט, וועגען די געשעפטליכע ענינים פון זיין פירמא, און בעזוכענדיג אונזער רעדאקציע האט ער אונז פארגעשטעלט בריעף פון דער „הסתדרות עולי פולני", אז ער האט דאס רעכט אויפצונעמען בעשטעלונגען אויף אלע ארץ-ישראל אויסארבייטונגען, מיט וועלכע דער גלות קען זיך נאר אינטערעסירען.

ה' פרייטאג האט אונז ערקלערט, אז אויב פריהער זענען די א"י פראדוקטען און פאבריקאציע אויסגעקומען טייערער ווי אנדערע, און אויב מען האט געוואלט קויפען א"י פראדוקטען אדער אויסארבייטונגען האט דאס געטהון נאר וועלענדיג שטיצען א"י, איז דאס איצט גאנץ אנדערש. ביי דעם איצטיגען קורס פון ענגלישען פונט זענען אלע זעמטליכע פראדוקטען און אויסארבייטונגען פון א"י ביליגער געווארען אין אלע לענדער מיט 30—40 פראצ. און איצט קומט אויס, אז קויפענדיג די א"י פראדוקטען האט מען זיי פיעל ביליגער און דעריבער שטיצט מען דעם „תוצרת הארץ" און דעם אויפבוי פון א"י.

זיין געשעפטס-רייזע איבער אייראפא ווי ה' פרייטאג גיט אונז איבער — האט טאקי געבראכט א גוטען ערפאלג און די יודישע קרייזען האבען איהם איבעראל אויפגענומען מיט צופרידענהייט.

עס איז קיין ספק נישט, אז אלס בן-עיר וועט ה' פ. ביי אונז אין שטאדט פערבינדען א שטענדיגען קאנטאקט מיט די געהעריגע געשעפטס-מענשען, וועלכע וועלען שליסענדיג מיט איהם א אבמאך וועגען די פערשידענע א"י פראדוקציע וויסען, אז זיי האבען א דאפעלטע עראייגניש: א מאטעריעלע און א גייסטיגע.

דאביי איז אויך זעהר אינטערעסאנט און דערפרעהענד פאלגענדער פאקט:

דער היגער הילפס - קאמיטעט פאר די קריזיס-געליטענע יודען, וועלכער האט עקזיסטירט ביז מיט 2 חדשים צוריק און האט ליידער אבגעשטעלט זיין טעטיגקייט, האט ווי בעוואוסט ארויסגעגעבען פאר די שפענדער אזעלכע זשעטאנען (שפילקעס) וועלכע האבען געדינט אלס צייכען, אז זייער בעזיצער האט געשפענדעט פאר'ן הילפס-קאמיטעט.

זיינער צייט האט מען דער ה' פרייטאג איבערשיקט 10 אזעלכע זשעטאנען וועלכע ער זאל פערטיילען אין א"י, צווישען די טשענסטאכוער ו אס געפונען זיך דארט.

ג'יצט האט אונז ה' פרייטאג איבערגעבען אז ער האט די 10 זשעטאנען פערקויפט צווישען די דארטיגע טשענסטאכאווער, פון וועלכע ער האט בעקומען צו 10 פיאסטער פאר א זשעטאן, און ער האט אונז געבראכט 1 פונט שט. די נעמען פון די 10 טשענסטאכאווער מנדבים גיבען מיר אויף א בעזונדער ארט.

ה' פרייטאג גיט צו אז די זשעטאנען זענען פשוט צוכאפט געווארען דורך די ארץ-ישראל'דיגע טשענסטאכאווער און ווען עס האט איהם אויסגעפעהלט, האבען פיעל געהאט צו איהם טענות, אז זיי שעהמען זיך פשוט צו בעווייזען צווישען מענשען אהן א זשעטאן אין לאץ און ער גלויבט, אז ווען מען זאל איהם איצט מיטגעבען נאך הונדערט אזעלכע זשעטאנען וואלט ער זיי גאנץ לייכט פערקויפט צווישען די טשענסטאכאווער אין א"י.

מיר גלויבען אז אין דער גמינע געפונען זיך נאך די דאזיגע זשעטאנען און אויב דער הילפס-קאמיטעט זאל נישט בעניצען זיין טעטינקייט, וואלט די קהלה געדארפט געבען דעם ה' פ. א געוויסע צאהל זשעטאנען און ער זאל דאס געזאמעלטע געלד איבערשיקען אין דער גמינע, וועלכע וועט דאס פערווענדען צו דעם צוועק.

ה' פרייטאג האלט אז בכלל וואלט מען געקענט מיט די זשעטאנען זאמלען גרעסערע סומעס אין אלע לענדער וואו עס געפונען זיך טשענסטאכאווער געבוירענע. אויף זיין רייזע אין בעלגיען און פראנקרייך וואו ער איז זיך צונויפגעקומען מיט טשענסטאכאווער, האבען אלע מיט בעגייסטערונג גערעדט וועגען אונטערשטיצען דעם הילפס-קאמיטעט דורכ'ן קויפען די זשעטאנען, ווארום יעדער פערשטעהט אז דאס געלד וואס ער שפענדעט, קען גראד זיין פאר איינעם פון זיינע נאהנטסטע וועלכע איז איצט געווארען א נצרך.

זאל דאס די קהלה, עווענטועל דער געוועזענער הילפס-קאמיטעט נעמען אין אכט.

יעדער היגער יוד וועט געוויס מיט

פאקטען און בעמערקונגען.

פרועהט אייך, קינדערלעך.

פערגאנגענעם מאנטאג איז די צווייטע פארטיע פון איבער 30 קינדערלעך געפאהרען קיין אסטראוו אויף דער קאלאניע פון „טאז".

די האלבע קאלאניע קומט ליידער, צוליעב מאנגעל אין געלד נישט פאר.

די קינדערלעך אין אסטראוו וועלען פערברענגען ביז צום ענדע שול-יאהר. אמת, עס איז א שאד, וואס נאר אזא קליינע צאהל וועט פערברענגען אויף דער פרייער לופט אין געדיכטען סאסנע-וואלד און אויך דארט, וואו זיי וועלען בעקומען 5 מאל אין טאג עסען צו דער זעט, אבער פערפאלען, עס קען בעסער נישט זיין, זאלען די דאזיגע קינדערלעך זיך כאטש ערהאלען און צוריקקומען געזונט.

אין דער צייט, וואס זיי וועלען דארט פערברענגען, זאל עס זיי זיין צום געזונט.

פרעהט אייך קינדערלעך.

לייבען, בערען און אויך מאלפעס.

א זעהר גוט ווארט האט מיר מיינס א בעקאנטער דערצעהלט, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דער היינטיגער צייט.

אפט זעהט מען ווי מענשען, וועלכע מאכען דעם אנשטעל פון גבירים פיהרען שטאט און אין דער ווירקליכקייט זענען זיי נעביך אויף צרות, זיי מוזען אבער שפילען די ראל, צו וועלכער זיי האבען זיך צוגעגרייט.

דער משל:

אין א שטאדט איז אמאל געקומען צו פאהרען א צירק. פלוצים איז די מאלפע געשטארבען, האט דער צירקדירעקטאר זיך נאכגעפרעגט, ווער עס קאן אין דער שטאדט א מענש וואס וואלט געוואלט שפילען די ראל פון א מאלפע. האט מען איהם אנגעוויזען אויף א יודעל, וואס וועט פאר א פאר גילדען זיך אונטערנעמען צו זיין א מאלפע.

ביינאכט, ווען מען האט דעם יוד אנגעטהון די פעל פון א מאלפע און איהם אריינגעלאזט צווישען די חיות האט ער זיך שטארק דערשראקען דערזעהענדיג לייבען און לעמפערטען און ער האט גע'חלש'ט. ווען מען האט איהם אבגעמינטערט האט מען איהם דערצעהלט, אז די אלע לייבען און לעמפערטען און אנדערע חיות זענען אויך נישט מעהר ווי מענשען, נאר זיי האט מען געגעבען די ראל צו שפילען אלס לייב אדער טיגער און דיר איז אויסגעפאלען די ראל פון א מאלפע...

דער נמשל איז איבעריג.

איהר האט נישט קיין הצלחה.

האט מען שוין געוואלט פאר אייך ארימע יודישע טעכטער מאכען א בלימעל-טאג, כדי מען זאל אייך קענען צודעקען די קעפ, איז אויסגעגאסען געווארען גאט'ס צארן און אין מיטען בעסטען האט אנגעהויבען צו רעגענען און במילא איז פון די אלע גליקען, נעביך גאר נישט געווארען.

איי, ווען דער בלימעל-טאג וואלט זיך איינגעגעבען, וואלט איהר ארימע יודישע כלות בעקומען כאטש יעדע צו טויזענד דאלאר נדן (וואס קען זיין וועניגער), אויסמעבלירטע צימערען, ווי אויך פאר אייער בעשערטען... א טלית. האט איהר אבער נישט קיין הצלחה, האט אנגעהויבען צו רעגענען און פון די אלע גליקען האט זיך אויסגעלאזט— א וואסער.

ארימע יודישע טעכטער, ארימע כלות, איהר האט קיין מזל נישט...

ער וויל פערקויפען סנדקאות...

עס איז דאך א ביטערע צייט, עס קומט שווער אן צו שאפען פרנסה פאר דעם ווייב מיט די קינדער, אבער דאך —ווי זאגט מען—פאר הונגער שטארבט מען נישט (מיט אמאל נישט, אבער איינציגווייז ליידער יא). וואס טהוט אבער אזא איינער, אז ווען גאט העלפט און ער מאכט א ברית, טא פון וואנען נעמט מען אויף א סעודה? איז טאקי ביטער.

האט זיך צו מיר די וואך דעריבער געווענדעט א יוד, אנ'ארבייטסלאזער, אז איך זאל איהם געבען אנ'עצה, וואס ער זאל טהון: זיין ווייב האט מיט מזל געבוירען א יונגעל און ער האט נישט אנצוגרייטען אויף קיין סעודה, האב איך איהם אבגעשיקט צו די כלל-טהוער, וועלכע פערנעמען זיך מיט די דאזיגע ענינים, נאר ער האט גארנישט אויפגעטהון. זיי זענען נישט פעראנטווארטליך פאר זיינע מעשים—האבען זיי געטענה'ט...

קורץ, אונזער בעל-ברית איז געפאלען אויף א המצאה, ער וועט פערקויפען סנדקאות און פאר דעם געלט וועט ער אנגרייטען א סעודה. און אין זינען האט ער געהאט, אז ער וועט פערקויפען נישט בלויז דאס סנדקאות, נאר אלע מצוות, וואס האבען א שייכות מיט א ברית. ער האט אבער געהאט א טעות אין חשבון. קיינער האט נישט געוואלט קויפען די מצוה און נישט קוקענדיג וואס ער איז ארומגעגאנגען צו אלע פארטייען, סיי צו דער אגודה, סיי צו דער מזרחי, ציונים, דעמאקראטען און אפילו צו די ראדאמסקער האט קיינער נישט געוואלט געבען פאר אלע מצוות קיין איין גראשען.

דער יוד איז פערצווייפעלט און בעט דורך דער פערמיטלונג פון אונזער צייטונג זיך צו ווענדען צו די היגע עסקנים, אפשר וועט ווער פון זיי קויפען סנדקאות ?

אנ'עכט יודישע מדה?

איך קעהר זיך נאר וואס אום פון פרידענס-געריכט, וואו איך בין גערופען געווארען אלס עדות אין א סכסוך פון א ווירט מיט א לאקאטאר.

אין קארידאר פון סאנד האב איך בעגעגענט א גרעסערע צאהל מענשען, וועלכע האבען גערעדט וועגען פערשידענע ספראוועס, וואס בעלי-בתים קלאגען איינע זייערע לאקאטארען, אזן איך האב זיך דערוואוסט אזעלכע זאכען, אז די האהר אויפ'ן קאפ שטעלען זיך קאפויר.

בעלי-בתים, וועלכע האבען זיך ארויפגעארבייט אדער האבען בעקומען ירושה'ס אזוי-צו-זאגען „פריצעס", נעמען זיך צו די לאקאטארען אויף אזא אכזריות'דיגען אופן, אז עס איז מעהר ווי נישט-אנשטענדיג. פערהאנען ווידער אנדערע, וועלכע זענען פשוט פערליבט אין די געריכטען. ווען מען וויל מיט זיי אדורכקומען צווישען מענשען, וועלכע וואלטען זיי טיילמאל מעהר צוגעפסקנ'ט ווי דאס געריכט, ווילען זיי נישט. זאל דער „גרינער טיש" פסקענען און די דאזיגע בעלי-בתים געפונען זיך אויף די ווארשאווער, גארנצארסקע, נארוטאוויטשא גאסען און וואו נישט, און צו אונזער גרויסער חרפה זענען די דאזיגע בעלי - בתים ס'רוב יודען. זאל דאס אויך זיין אנ'עכט-יודישע מדה?...

סמאל

גרויס צופרידענהייט אויפנעמען דעם פאַקט אַז די לאַגע פון די טשענסטאָכאָווער אין ארץ-ישראל איז אזאלכע אז זיי קענען זיך שוין דערלויבען צו שפענדען פאַר אונז אין גלות, און דאס ווערט ביי זיי געטהון מיט דער ארץ-ישראל'דיגער בעגייסטערונג.

פערזענליכעס.

אונזער רעדאַקטאָר ה' ישראל פלאָצקער איז אַבגעפאָהרען אויף 4 וואכען אורלויב.

היי - יעהריגע קינות אין דער נייער סינאַגאָגע.

מיטוואָך צו די קינות האָט זיך אין דער נייער סינאַגאָגע פערזאַמעלט אַ אונגעהויער גרויסער עולם, וואס איז געקומען הערען דעם אויבער-קאַנטאָר ה' פישעל, וועלכער איז אַ מייסטער צו זאָגען די קינות על פי נוסח בירנבוים ע"ה.

ה' פישעל האָט זיך ווירקליך אויסגעצייכענט מיט זיין פאָרטראַגען די קינות, וואס האט געמאַכט אויף דעם פויל-געפאַקטען עולם אַ גרויסען רושם.

וועגען פעסטשטעלען די פרייזען בעת די פייערליכקייטען.

דאָס פעראיינהייטליכען די פרייזען אין די רעסטאָראַציעס און צוקערניעס אויף דער צייט ווען ס'וועלען דויערן די יובילעאום - פייערליכקייטען, איז איצט איינס פון די הויפט-דאגות פון מאגיסטראט, וועלכער וויל באלד פון אָנהויב דערשטיקען יעדע מעגליכקייט פון שפעקולאַציע אויף דעם געביעט.

צו דעם צוועק וועט היינט — נאָכ'ן דערגרייכען אַ פערשטענדיגונג און רעזולטאט מיט די פאָרשטעהער פון די פעראינטערעסירטע בראַנזשעס — ארויסגעגעבען ווערען ספעציעלע פעראָרדנונגען, צו וועלכע די געשעפטען וועלען זיך מוזען צופאַסען.

אַ מוסטער-שולע.

די גוט-בעוואוסטע שולע פון פרל. ז. וויינשטאָק, וועלכע עקזיסטירט שוין 16 יאָהר און צייכענט זיך אויס מיט איהר מוסטערהאַפטער און ערשטקלאַסיגער פעדאַגאָגיק, האָט זיך צום נייעם שול - יאָהר איבערגעצויגען אין אַ נייעם גרויסאַרטיגען לאָקאל אויף אלעע 20. די דירות זענען הויכע לופטיגע מיט גאַנץ נייע איינריכטונגען.

אויך איז אויפ'ן הויף האַרט נעבען דער שולע אַ פּרעכטיגער גאָרטען, וואו די קינדער וועלען אין די פרייע שעה'ן, ווי אויך בעת די פויזעס קאָנען פערברענגען.

די שולע האָט אויך בעשלאָסען צוצונעמען איננאָנצען אומזיסט 3 נישט-פאַרמעגליכע קינדער לויט אַ קאָנקורס אין דער 2, 3 און 4 קלאַס.

ס'זענען אויך בעגייט געוואָרען די פעדאַגאָגישע קרעפטען.

אַ גרויס געוויכט וועט געלייגט ווערען אויף די יודאַאיסטישע למודים.

אויסער דעם אויבענדערמאַנטען ווערען אויך צוגענומען קינדער אָנהויבענדיג פון 3 יאָהר אין דער פרעבעל-שולע.

עס ווערען אויך איינגעאָרדענט פערשידענע קאָמפלעטען צו ערלערנען פערשידענע שפראַכען.

גרויס ערפאָלג פון דער קרן תל-חי אַקציע.

ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען ווערט איצט געפיהרט אין טשענסטאָכאָוו אַנ'אַקציע פאַר קרן תל-חי. די דאָזיגע אַקציע צו וועלכער עס האָבען זיך געשטעלט די אָנגעזעהענסטע עסקנים ווערט געפיהרט מיט גרויס ערפאָלג.

געכאַפט אַ גנב און דעזערטער.

די פאָליציי האט ארעצטירט דעם איינוואוינער פון דאָרף ביורוקי, גמינע רודניק, יאַן זאַרעמבאַ, וועלכער האט מיט אַ צייט צוריק דעזערטירט פון מיליטער און האט זיך לעצטענס פערנומען מיט גנבות.

מ'האט ביי איהם אַבגענומען אַ ראָווער, וועלכען — לויט ווי עס ערקלערט דער גנב — ער האט געגנב'עט אין דייטשלאנד. די פאָליציי גלויבט איהם אָבער נישט און פיהרט וועגען דעם אַנ'אויספאָרשונג.

בעקאַנטער ארטיסט ליפמאַן מיט זיין געקליבענעם אנסאמבל אין טשענסטאכאוו.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די קינפטיגע וואָך אראָבקומען קיין טשענסטאכאוו דער בעוואוסטער ארטיסט פון ווארשאווער עליזעאום - טעאטער ליפמאַן, וועלכער וועט אויפטרעטען מיט זיין געקליבענעם אַנסאַמבל אין דער בעריהמטער פיעסע „הירש לעקערט".

די ערשטע פאָרשטעלונג קומט פאָר דינסטאַג דעם 16 ד. ח. אין קאַמעראַל-טעאַטער.

בילעטען צו פאָפולערע פרייזען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן אלעע 6.

די קאַפּאַלניעס אין טשענסטאָכאָווער פאָוויאַט ווערען ווידער טעטיג.

שוין עטליכע חדשים, ווי אין אונזער פאָוויאַט זענען נישט טעטיג די קאַפּאַלניעס, וואס ס'האט זיך געלאָזט שטארק פיהלען אויפ'ן מצב פון די פיעל גרובען-ארבייטער, וועלכע האָבען נאָך פערגרעסערט די אַזוי אויך גענוג גרויסע צאָהל ארבייטסלאָזע אין אונזער קרייז.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אָבער פאָרגעקומען אַנ'ענדערונג אויף דעם ארבייטס-געביעט און נאָכ'ן אויסשעפען זיך פון די רויה - מאַטעריאַלען הויבען די קאַפּאַלניעס אין טשענסטאָכאָווער פאָוויאַט ווידער אָן צו אַרבייטען.

מיט עטליכע טעג פריהער איז געלאָזט געוואָרען אין בעוועגונג די קאַפּאַלניע „בערנאַרדט" אונטער גנאַשין, וועלכע געהער צו דער טשענסטאכאָווער בערג-אינדוסטריע - געזעלשאפט. אין דער דאָזיגער קאַפּאַלניע וועלען געפונען ארבייט אַנ'ערך 200 אַרבייטער.

ס'בלייבט נאָך איבער צו פערנאָטירען אַ גוטע ידיעה פון דעם זעלבען ארבייטס-פראָנט, נעמליך: אין די נאָהנטסטע טעג וועלען געלאָזט ווערען די קאַפּאַלניעס „פראַצישעק", „קאָנאָפיסקא" און „ווינצענטי".

די דאָזיגע קאַפּאַלניעס געפונען זיך אין קאָנאָפיסק און געהערען צו דער געזעלשאפט ב. האַנדטקע, איצט: קאָנצערן פון מאָדזשעיאָווער פאבריקס-אַנשטאַלטען.

אומגליקס - פאַל ביי דער ארבייט.

נעכטען איז געשעהן אַנ'אומגליקס-פאַל ביי דער ארבייט אין דער טעקסטיל - פאַבריק „טשענסטאָכאָוויאַנקא". ווען דער 60 יעהריגער מאַריאַן קישעל, אַנ'ארבייטער פון דער יוטע-אַבטיילונג איז פערבייגעגאַנגען דורך דער מאַשין האט זי איהם אריינגעשלעפט אין טריעב, פון וואס די רעכטע האַנד איז איהם צושמעטערט געוואָרען.

דעם קרבן פון אומגליקס-פאַל דראָהט די געפאָהר פון אַמפּוטירען די רעכטע האַנד.

די טשענסטאָכאָווער פייערליכקייטען אויפ'ן פילם.

די יובילעאום פייערליכקייטען, וועלכע הויבען זיך אָן שוין פון שבת און וועלכע ס'וועט אויך בעעהרען דער מלוכה-פרעזידענט, וועלען זיין רייך מיט פערשידענע אינטערעסאַנטע מאָמענטען.

אין די דאָזיגע טעג וועלען אין טשענסטאכאוו זיין פערזאַמעלט צעהנדליגער טויזענדער עולי-רגל, וועלכע וועלען אין זייערע פיעל-פאַרביגע קאָסטיומען פאָרשטעלען אַ מאָלעריש בילד פון אַ עטנאָגראַפישער אויסשטעלונג פון גאַנץ פוילען.

די פוילישע טעלעגראַפען - אגענטור (פ.אַ.ט.), פערשטעהענדיג די אינטערעסאַנטקייט פון די טשענסטאכאָווער פייערליכקייטען, דעלעגירט אויף די דאָזיגע טעג קיין טשענסטאכאוו אַ ספעציעלען פילם - אָפּעראַטאָר, וועלכער וועט אויפכאַפּען אויף דער טאַשמע דעם פערלויף פון די פייערליכקייטען.

אַלזאָ אין דער נאָהנטסטער צוקונפט וועלען מיר זעהען אויפ'ן זילבערנעם עקראַן, ווי טשענסטאכאוו האט אויסגעזעהען אין די דאָזיגע טעג.

קאָמוניקאט

צו די איינוואוינער פון די גאַסען אלעע, 7-הייזער, ווארשאווער און נייעם מאַרק.

דעם 14-טען ד. ח. קומט קיין טשענסטאכאוו דער העכסטער מלוכה-פאָרשטעהער, דער פרעזידענט פראָפ. איגנאַצי מאָשטשיצקי, כדי אָנטייל צו נעמען אין די פייערליכקייטען פון 550-יעהריגען יובילעאום, זייט דאס הייליגע בילד איז אהערגעבראכט געוואָרען אויף דער יאסנא-גורא.

דער ה' פרעזידענט וועט אַדורכפאָהרען די וואַרשאַווער גאָס, נייער מאַרק און די אלעען, צוליעב וואס די דאָזיגע גאַסען, ווי אויך די „7-הייזער" גאָס דאַרפען בעת זיין דורכפאָהר און אנוועזענהייט האָבען אַ ספּעציעל יום - טוב'דיגען און פייערליכען אויסזעהן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט בעט דער שטאָדטישער אויפנאַהמס-קאָמיטעט פאַר'ן מלוכה - פרעזידענט אלע איינוואוינער צו ברענגען די גאָסען און די פראָנטווענט פון די הייזער צו אַ ריינעם און עסטעטישען אויסזעהן, צו בעפוצען מיט בלומען, גרינס און דיוואַנען, ווי אויך מיט קליינע פעהנדלעך און קאַרדעס פון נאַציאָנאַלע פאַרבען יעדען באַלקאָן אָדער פענסטער, וואס געהט ארויס אין גאָס, בעזונדערס ארויסשטעלען אין יעדען טויער פעהנער מיט נאַציאָנאַלע פאַרבען.

דער שטאָדטישער אויפנאהמס-קאָמיטעט פאַר'ן מלוכה-פרעזידענט גלויבט, אַז יעדער איינוואוינער וועט זיך בעמיהען ווי אַמעהרסטען און ווי אַמשטאַרקסטען, אַז די מאַיעסטעט פון דער פוילישער מלוכה אין דער פערזאָן פון פרעזידענט זאָל אויף אַ עהרווירדיגען אופן אויפגענומען ווערען דורך אונזער שטאָדט.

פאָרזיצער פון אויספיהר-קאָמיטעט
יוזעף מאַזור,
פאָרזיצער פון דער דעקאָראַציע-סעקציע
מאַריאַן מאַדעיסקי.

פון ספאָרט.

וויקטאָריא—יוד. טורן-און ספ.-פעראיין 69:82

פערגאַנגענעם שבת איז פאָרגעקומען אַ לייכטאַטלעטישער מעטש צווישען די דערמאַנטע קלובען, אין וועלכען עס האָט זיך אויסגעצייכענט פרל. נירענבערג מיט דער וואונדערבאַרער צייט אויף 800 מעטער 2.44 מינוט. חוץ דעם האָט זי פערנומען די צווייטע ערטער אין ווייט-שפרונג און דעם 3-טען פלאַץ אין 60 מעטער לויף (8.8 סעק.); פרל. קאַרנבראַט האט פערנומען די צווייטע ערטער אין הויך-שפרונג און קויל - וואַרפען און דאס דריטע אין ווייט-שפרונג פון אָרט. פרל. שטייער — דאס צווייטע אין דיסק-וואַרפען און די דריטע ערטער אין הויך-שפרונג און קויל-וואַרפען.

דער אונערמידליכער ספּאָרטלער ה' שמאַראַגד האָט דערגרייכט די ערשטע ערטער אין 100 מעטער לויף (11.5 ס.) און אין הויך-שפרונג (1.50 מטר.); די צווייטע פלעצער אין ווייט - שפרינג, קויל-וואַרפען און דיסק-וואַרפען.

מיט די רעשט דערגרייכטע פונקטען האבען זיך געטיילט: פרל. דיאַמענט, טשאַרנאַ, שלעזינגער און די ה"ה רייך, קיפמאַן, כוואט ראָזענבערג, זלאָטניק, שיין, ברילל און באום.

5 קאָנקורענצען האט געווינען וויקטאָריאַ, 3—יטספ., 7—רעמי.

פון יוד. טורן-און ספאָרט-פעראיין

די מלוכה'שע ספאָרט - אָבצייכענונג (פ. אָ. ס.) האָבען ביז-יעצט בעקומען 15 מיטגלידער פון פעראיין: פרל. דיאַמענט, שטייער, נירענבערג, קאַרנבראַט, שלעזינגער, בראַט, טשאַרנאַ, „פרעדאַ", בלייוויס, דזיאַלאָווסקאַ; ה"ה: שמאַראַגד, וויינבערג, ראַבינאָוויטש קופערשמיד און שאַיאַ. דערגרייכענדיג זעהר גוטע רעזולטאַטען אין אַלע זעקס גרופען פיעל בעסערע ווי דער מינימום פערלאַנגט. די איבריגע 15 מיטגלידער האָבען נאָך צו ערגענצען דאס שיסען, וואס ס'וועט פאָרקומען אין ווזשעשען. די ה"ה שמאַראַגד, שאַיאַ און קופערשמיד האָבען אין שיסען צום פ. אָ. ס. דערגרייכט אַ זעהר גרויסע צאָהל פונקטען און דערמיט בעקומען די „אָדזנאַקאַ סטזשעלעצקאַ" פון 3 טען ראַנג.

מאָרגען שבת 4 נאכמ. אויפ'ן אייגענעם פלאַץ קומט פאָר אַ מאַנשאַפט-דרייקאַמף (קויל - וואַרפען, הויך און ווייט-שפרונג צווישען די לייכטאַטלעטינס פון וויקטאָריאַ און זשטגס. יעדע מאַנשאַפט בעשטעהט פון 5 אָנטיילנעמערינס, וועלכע קעמפען אין אַלע 3 קאָנקורענצען.

נדבות אין רעדאַקציע.

ה' גד'ל פרייטאַג 2 זל. פאַר מושב זקנים, 2 זל. פאַר מחזיקי הדת און 2 זל. פאַר לינת הצדק.

צו אַלע נאַציאָנאַלע יודען אין טשענסטאָכאָוו!

אויפרוף!

עס דערנעהנטערט זיך דער דריטער יאהרצייט נאָך די 133 יודישע זיהן און טעכטער, וועלכע זענען געפאַלען אין ארץ-ישראל אין יאָהר תרפ"ט, חודש אב, ביים פערטיידיגען דעם כבוד פון יודישען פאָלק און ישוב בשעת די ווילדע פאָגראָמען פון בלוטדורשטיגע אַראַבישע האָרדעס.

אין די נייע קאָלאָניעס און אין די יודישע שטעדט תל-אביב און חיפה האָבען יודען געגעבען אַ בעווייז פון ביישפיללאָזען מוט און העלדענטום, אָבער אין די א"י געטאָ'ס חברון און צפת זענען אומשולדיגע יודען גרויזאַם אויסגעשאָכטען געוואָרען ווי וועהרלאָזע שאָף.

פאַרוואָס? — ווייל די יודען פון חברון און צפת האָבען נישט בעזיצט די קונסט פון זעלבסטפערטיידיגונג, ווייל זיי זענען נישט געוועזען קיין הערען איבער זייער אייגענעם קערפער, ווייל זיי זענען געוועזען שוץ-יודען, וועלכע לעבען נור אין זכות פון פרעמדען, ליידער זעהר אָפט פערפיהרערישען חסד.

דאָרט וואו דער נייער דור, דער דור הגאולה איז געשטאַנען אויף דער וואַך איז דערהויבען געוואָרען דער יודישער כבוד און אַ סוף איז געקומען צו דער קישעניעווער און פראָסקוראָווער תקופה.

די סכנה דראָהט אָבער ווייטער און מיר מוזען זי אויסמיידען.

קרן תל-חי — זיין ציעל איז די זיכערונג פון יודישען לעבען און פערמעגען דורך ערציהען קאַדרען פון פערטיידיגונגס - ספּאָרטלער, קאַדרען פון מוטיגע אונדערשראָקענע יוגענד, וועלכע גלויבט אין איהר אייגענער קראַפט און ווייסט וואו און ווען די קראַפט אָנצווענדען.

בכדי אָבער די דאָזיגע קרן-תל-חי אויפגאָבען צו ערפילען איז נויטיג אין גלייכער מאָס אי די מאַטעריעלע, אי די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון נאַציאָנאַל-בעוואוסטען יודענטום.

יעצט אין די יזכור-טעג פון די קדושי תרפ"ט איז די צייט צו שאַפען דעם באַזיס פאַר דער שנעלער פערווירקליכונג פון די קרן „תל-חי" ציעלען,

ווילט איהר פערהיטען דאס איבערחזר'ן זיך פון אב תרפ"ט, ווילט איהר, אַז דאס לעבען פון אייערע ברידער און שוועסטער זאָל זיין געשיצט געגען ווילדע, בלוט-דורשטיגע האָרדען, פאָגראָמשטשיקעס און אויסוואורפען — טאָ שטיצט דעם קרן תל-חי!

ועדת קרן תל-חי בטשענסטוכובה.

Do Mieszkańców m. Częstochowy.

W dniach 14 i 15 sierpnia b. r. Miasto nasze gościć będzie w swych murach Majestat Rzeczypospolitej Polskiej, Pana Prezydenta, Ignacego MOŚCICKIEGO.

Z godnością stu dwudziesto tysięcznego miasta witać będziemy prastarym zwyczajem Drogiego i Dostojnego Gościa, chyląc głęboko czoła przed Pierwszym Obywatelem Kraju i Głową Państwa. —

Mieszkańcy!

Imieniem Tymczasowego Zarządu Miejskiego wzywam wszystkich do udekorowania domów flagami narodowemi, okien zaś i balkonów kwiatami i zielenią, a przedewszystkiem do wzięcia tłumnego udziału w uroczystościach powitalnych w dniu przyjazdu Najwyższego Dostojnika Władzy Państwowej.

Każdy, komu drogi honor miasta, w kim bije obywatelskie serce niech śpieszy na powitanie Pana Prezydenta.

Niech żyje Najjaśniejsza Rzeczypospolita Polska!

Niech żyje Pan Prezydent, Prof. Ignacy MOŚCICKI!

KIEROWNIK
TYMCZASOWEGO ZARZĄDU MIEJSKIEGO
(—) **Józef MAZUR.**

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.
קרעסלאָ 1 זלאָטי.

היינט און ווייטערע טעג.
גרעסטער פוילישער סוקצעס

10-ciu z PAWIAKA

מיט בראָדזיש, סאַמבאָרסקי, וועגנזשין, באָטיצקאַ א"א.
חוץ דעם קלאַנג איבער'ן פראָגראַם: וועלט - נייעס און בריאַנ'ס לויה.
שבת, דעם 13, זונטאַג, דעם 14 האַלב 1 נאכמ. מיט דאָראָטאַ יאַרדאַן און ר. מאָנטגאָמער
POCAŁUNEK WIOSNY.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קרעסלאָ 80גר.

היינט און ווייטערע טעג!
נייער שלאַגער פון דער פוילישער פילם-פראָדוקציע.

ROK 1914

ריזיגע היסטאָרישע דראַמע לויט סצענאַר פון וואַצלאַוו שעראָשעווסקי און אַנאַטאָל כטערן.
אין די הויפט-ראָלען:
יאַדוויגאַ סמאָסאַרסקאַ, וויטאָלד קאָנטי און ב. סיקעוויטש.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6